Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 126 | Łódź, Wtorek, 2 czerwca 1931 r. | נ״ינטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג י״ז סיון תרצ״א | № 126

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

קיין אינפלאציע וועט נישט זיין

די נייע רעגירונג וועט בעקעמפען דעם עטאטיזם. — דער פרעמיער גלויבט, אז די לאגע וועט זיך בעסערן. — 21 מיליאן דעפיציט אין אפריל. — נייע הכנסה-קוואלען

גרויסע רעדע פון פרעמיער פריסטאר

וואַרשאַ, 1. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט).

אין סיים איז היינט געווען זעהר לעבעדיג. קודם-כל האָט מען היינט אויסגעצאָהלט פענסיע און צוליב דעם זענען געקומען זעהר פיל דעפוטאַטען, בעזונדערס איז מיט גרויס אינטערעס ערוואַרט געוואָרען די היינטיגע זיצונג פון דעם סאַנאַציע-קלוב, די זיצונג האָט געעפענט דער אַמטירענדער פרעזעס יענדזשעיעוויטש, וועלכער האָט מיטגעטיילט, אַז צו דער זיצונג וועלען קומען הויכע געסט, מינ. סקלאַדקאָווסקי, סיים-מאַרשאַלעק שוויטאַלסקי, סעַנאַט-מאַרשאַלעק אַגראַר.-מיניסטער קאָזלאָווסקי, עטליכע וויצע-מיניסטאָרען א.אַ.וו.

די ערשטע רעדע האָט געהאַלטען מיניסטער פריסטאָר. ער האָט קודם כל אָנגעוויזען אַז די איצטיגע רעגירונג וועט פאָרטזעצען די אַרבייט פון פריהערדיגען קאַבינעט, אין קאַמף מיט׳ןווירטשאַפט ליכען קריזיס און צו דערהאַלטען דאָס גלייכגעוויכט פון בודזשעט. דער פרעמיער האָט ווייטער געזאָגט, אַז ער גלויבט פעסט אַז ס׳וועט זיך איינגעבען צו בעקעמפען דעם קריזיס נאָכמעהר דערפאַר, ווייל צו דעם האָט זיך גענומען דער מאַרשאַל אַליין.

די רעגירונג איז געגען עטאַטיזם, און וועט שטיצען דעם פרייען האַנדעל און די פריוואַטע איניציאַטיוו. אַלע קלאַגען וועגען אינפלאַציע זענען דורכאויס פאַלש. דאָס הויפטגעוויכט ווערט געלעגט אויף דעם גלייכגעוויכט פון בודזשעט. אין אַפריל איז געווען הכנסה 229 מיליאָן זלאָטיס און הוצאות 250 מיליאָן אַזוי אַז דער דעפיציט פון איין חודש איז געווען 21 מיליאָן זלאָטעס. אויב ס׳זאָל ווייטער אַזוי געהען וועט דער דעפיציט אין משך פון אַ יאָהר בעטרעפען אַ פערטעל מיליאַרד זלאָטעס. די רעגירונג מוז זוכען נייע קוואַלען פון הכנסה.

דער מצב פון לאַנד איז אָפהענגיג פון דעם, וויפיל ס׳וועט אַריינפליסען פון שטייערען.

נאָכדעם ווי דער פרעמיער האָט פערענדיגט זיין רעדע האָט ער פערלאָזען די זיצונג.

דאַן האָט גערעדט פוסל. סלאַוועק, זיין רעדע איז געווען געווידמעט דער קאָנסטיטוציע.

די קאָנסטיטוציע דאַרף גאַראַנטירען אַ רוהיג לעבען דעם בירגער און דאַרף שטאַרקען די מלוכה איצט ווערט מיסגעבר׳ויכט מיט פערשידענע פרייהייטען, בעזונדערס מיט דער פרעסע-פרייהייט.

די זיצונג איז אָפגעלעגט געוואָרען אויף היינט.

זעלבסטמארד פון א ווינער באנקיר

צופרשט זיך געסמט און דאן זיך דערשאסען?

ווין, 1. (ספ. טעל.) נעכטען נאָכמיטאָג האָט מען אין זיין אייגענעם באַנק-הויז געפונען אַ טויטען דעם 54-יעהריגען באַנקיר אָסקאַר לאַנדלער.

ווי די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט האָט זיך לאַנדויער צוערשט פערסמט און דאַן זיך געשאָסען אין האַרץ אַריין. די סיבה פון זעלבסטמאָרד איז דאָס פאַלען פון ווערט פאַפּיר׳ען פון וואָס לאַנדויער האָט געהאַט גרויסע פערלוסטען.

גרויסע שרפה אין א פילם-פאבריק

א פרוי מיט 2 קינדער זענען פערברענט געווארען

בערלין, 1. (ספ. טעל.) אין אַ פילם-פאַבריק אויף דער פאָר-שטאָט פון בערלין, קריעסדאָרף איז אויסגעבראָכען אַ גרויסע שרפה צוליב די אָפּטע אויפרייסען איז די רעטונגס-אַקציע געווען אונמעגליך. די גאַנצע פאַבריק איז פערברענט געוואָרען.

בעת דער שרפה איז פערבייגעגאַנגען אַ פרוי מיט צוויי קינדער, פון אַ פענסטער איז אַרויסגעפאַלען אַ שטיק פייער, און אַרומגעכאַפּט די פרוי מיט די קינדער. די פרוי איז פערברענט געוואָרען אויף קויל. ביידע קינדער זענען אין אַ שווערען צושטאַנד אָפּגעפיהרט געוואָרען אין שפיטאָל.

דער קרבן פון דער קאמוניסטישער דעמאנסטראציע

איז דאס יודישע מיידעל נעמי דובינסקא

וואַרשאָ, 1 (טעלעפאָניש) ווי מיר האָבען נעכטען מיטגעטיילט, איז בעת דער קאָמוניסטישער דעמאָנסטראַציע, וואָס איז פאָרגעקומען אויף נאָוואָליפקי דערשאָסען געוואָרען א יודיש מיידעל. איצט איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אז דאָס מיידעל הייסט נעמי דובינסקא פון מילנא 17, זי איז א שניידערין און איז צופעליג אדורכגעגאַנגען דורכ׳ן אָרט, וואו די דעמאָנסטראציע איז פאָרגעקומען.

—=:§:=—

גרויסער „בריסקער” פראצעס

וועט זיך אָנהויבען אין מיטען יוני

וואַרשאָ, 1 (טעלעפאָניש) אַרום 15 יוני וועט זיך אָנהויבען דער אַזוי-גערופענער בריסקער פראָצעס געגען די דעפוטאַטען פון „צענטראָליעוו”.

דער בעשולדיגונגס-אַקט איז שוין אויסגעאַרבייט געוואָרען דורך די פראָקוראָרען פון קרייז-געריכט ראַיזע און גראַבאָווסקי.

וועלכע רעמיגראנטען קענען צוריקפאהרען קיין קאנאדע?

וויכטיגע פעראָרדנונג פון אימיגראציע-דעפארטאמענט

וואַרשאַ, 1. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט).

דאָ איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז דער אימיגראַציע-דעפאַרטאמענט אין קאנאדע האָט אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדנונג, לויט וועלכען צייטווייליגע רעמיגראַנטען קאָנען צוריקקעהרען קיין קאַנאַדע.

דער צוריקקעהר קיין קאַנאַדע איז ערלויבט, אויב דער רעמיגראַנט איז נישט אין אייראָפּא מעהר ווי איין יאָהר.

די רעמיגראַנטען קענען אויך מיטנעהמען זייערע פאַמיליעס (פרוי און קינדער יונגער פון 18 יאָהר) ווען זיי זענען אַפילו נישט געווען פריהער אין קאַנאַדע.

דער דעפאַרטאַמענט פאָדערט אָבער צו בעווייזען, אַז מ׳האָט אין קאַנאַדע אַרבייט אָדער געלד ביז מ׳וועט בעקומען אַרבייט.

אין א קאמפס-טאג געגען פויל־ען

זענען פערוואנדעלט געווארען די שטאלהעלם-פייערונגען אין ברעסלוי

ברעסלוי, 1. (טו) דער ברעסלויער שטאַלהעלם - טאָג איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קאַמפס-טאָג געגען פוילען„. דער הויפט-איגהאַלט פון די רעדעס איז געווען די צוריק-ערָאָבערונג פון די אויבערשלעזישע געביטען. דער ערשטער היטלער-פיהרער זעלדטע האָט ערקלערט, אַז דער קאַמף וועגען לעבען און שטרעבען פון דייטשלאַנד וועט זיך אָפּשפילען אויף מזרח. די גרעניצען פון ווערסאַל וועלען דורך דעם שטאַלהעלם קיינמאָל נישט אָנערקענט ווערען, די שטאַלהעלמער וועלען נישט רוהען ביז דאָס דייטשע לאַנד, וועלכע איז אַדורכגעזאַפּט מיט בלוט און שווייס פון דייטשע דורות וועלען נישט צוריקגעקעהרט ווערען צו דייטשלאַנד.

וואָס איז בעכטען איינגעאָרדענט געוואָרען איז האָטעל סאַוואָן דורך דער הויפט-פערוואַלטונג פון שטאַלהעלם איז אויך אָנוועזענד געווען דער געוו. קרוינפרינץ מיט זיין פרוי, דער פרייסישער פירשט לודוויג פערדינאַנד און די גענעראַלען מאַקענזען, סעקט, פאָן-דער גאָלץ, און ליטוויץ.

אויף דער בעגריסונגס-רעדע פון היטלערישען אָנפיהרער דיסטערבורג, האָט געענטפערט גענעראַל מאַקענזען וועלכער האָט אָנגעוויזען אַז דער פּראָגראַם פון שטאַלהעלם שטיצט זיך אויף אַקטיוויטעט. דער שטאַלהעלם וועט זיך אויך נישט אָפּזאָגען, אויב מ׳וועט דאַרפען ציהען קאָנסעקווענצען פון דער איצטיגער לאַגע אין דייטשלאַנד.

ברעסלוי, 1. (טו) זונטאָג ביינאַכט איז דער האָטעל מאַרדעט געוואָרען אַנ׳אַקטיווער היטלעריסט עס זאָל זיך האַנדלען וועגען אַ פּאָליטישען מאָרד, וואָס איז אויסגעפיהרט געוואָרען דורך די קאָמוניסטען.

אַ גאַנצען טאָג זענען קאָמוניסטען בעפאַלען גרופּעס היטלער-לייט. פּאָליציי האָט אַרעסטירט 35 פּערזאָן.

ברעסלוי, 1, (טו) אַ שווערער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען צווישען אַנ׳אויטאָ, וועלכער איז געווען פול בעזעצט מיט היטלערלייט, און אַ לאָקאָמאָטיוו, דער צוזאַמענשטויס איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז דער אויטאָ האָט זיך איבערגעקעהרט. 2 היטלער-לייט זענען דערהרגעט געוואָרען, דריי שווער-פערוואונדעט און 12 לייכט פערוואונדעט.

בערלין, 1. (ספ. טעל.) בעת דער אויפנאַהמע

קופאן № 22

פון גרויסען

פרעמיען-קאנקורס

פון „נייעם פאלקסבלאט”

כדי זיך צו בעטייליגען אין פרעמיען-קאנקורס איז גענוג

צו צושטעלען בלויז 30 קופאנען

די וואהלען אין רומעניען

די פרעקווענץ האט בעטראפען 25 פראצענט

בוקארעשט, 1 (טו) דער היינטיגער וואהל-טאָג איז אריבער פולשטענדיג רוהיג. די פרעקווענץ איז געווען א זעהר קליינע און מאנכע ערטער האָט די פרעקווענץ בעטראָפען נאָר 25 פראָצענט

א נייע רוסישע הלואה

פון 2 און א האלב מיליארד רובל

ריגאַ, 1. (ספ. טעל.) דער ראַט פון די פאָלקס קאָמיסאַרען האָט בעשלאָסען אַרויסצוגעבען אַ נייע סאָוויעטישע הלוואָה אין דער הויך פון 2 און אַ האַלב מיליאַרד רובעל. די נייע הלוואָה וועט בענוצט ווערען אויף אינוועסטיציעס וואָס שטעהען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אויספיהרען פון דער „פּיאַטילעטקע”.

א גזירה אויף עמיגראנטען אין שטאט מישיגען

דעטראָט, 1 (יט״א טעלעגראַפיש) דער גובערנאַטאָר פון מישיגען האָט בעשטעטיגט דעם ביל, וועגען דער רעגיסטראַציע פון די עמיגראַנטען אין שטאַט מישיגען.

די. וואָס וועלען נישט קאָנען אויפווייזען, אַז זיי זענען לעגאַל אַריינגעקומען אין לאַנד, וועלען דעפּאָרטירט ווערען.

די אָפּאָזיציע פון שטאַטס-פּאַרלאַמענט אין מישיגען שטעלט פעסט, אַז דער דאָזיגער ביל איז געגען דער קאָנסטיטוציע פון די פעראייניגטע שטאַטען, און זי האָט בעשלאָסען אָנצוקלאָגען דעם ביל פאַר דעם העכסטען געריכט פון אַמעריקאַ.

שפאניען א פעדעראטיווע רעפובליק

באַרצעלאָנאַ. 1. (ספ. טעל.) דער בילדונגס-מיניסטער דאָמינגאָ האָט געהאַלטען אַ גרויסע רעדע אין וועלכער ער האָט פערזיכערט אַז אַלע פאָדערונגען פון קאַטאַלאָניען וועלען בעריקזיכטיגט ווערען.

דער מיניסטער האַלט אַז שפּאַניען דאַרף ווערען אַ פעדעראַטיווע רעפּובליק מיט וועלכער שפּאַניען וועט זיך גרויסען אין דער גאַנצער וועלט.

אקציע צו בויען וואוין-הייזער
ווערט אונטערגענומען ווערען דורך דער רעגירונג

װאַרשאַ, 1. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט). אין די ווירטשאַפטליכע קרייזען ערוואַרט מען מיט גרויס אינטערעס דעם עקספאָזע פון פרעמיער פּריסטאָר און די אויפקלערונגען פון וויצע מיניסטער סטאַזשינסקי, מ׳האַלט אַז די דאָזיגע אַרויסטרעטונגען וועלען ברענגען קאָנקרעטע אויפקלערונגען וועגען די רעגירונגס-פּלענער אין דער ווירטשאַפטליכער הינזיכט.

אויפ׳ן ערשטען פּלאַן אינטערעסירט מען זיך מיט דער שטעלונג פון מיניסטער פּריסטאָר צו דער וואוינונגס-בוי-אַקציע.

ווי מיר הערען לעגט די איצטיגע רעגירונג גרויס אויפמערקזאַמקייט אויף דער דאָזיגער פראַגע. בעזונדערס זאָל דעם פּראָיעקט פון בויען וואוין-הייזער וואַרי״ם אונטערשטיצען דאָס פינאַנץ-מיניסטעריום און שוין איצטער זאָלען זיך אָנהויבען גרויסע אַרבייטען צו בויען וואוין-הייזער.

וויצע-מינ. סטאַזשינסקי שוין איבערגענומען דעם אמט

װאַרשאַ, 1 (טעלעפאָניש) דער ניי-בעשטימטער וויצע-פינאַנץ-מיניסטער סטאַזשינסקי האָט שוין איבערגענומען זיין אמט.

אַרגענטינע — מאָסקווע
אַ נייער וועג פון יודישער עמיגראַציע

מאָסקווע, 1 (י.ט.א. טעלעגראַפיש) דאָ איז אָנגעקומען אַ גרופּע פון 23 יודישע עמיגראַנטען פון אַרגענטינע. אַלע קוואַליפיצירטע האַנדווערקער. זיי האָבען מיטגעברענגט מיט זיך אייגענע מכשירים.

אַ צווייטע גרופּע יודישע עמיגראַנטען פון אַרגענטינע געפינט זיך שוין אין וועג.

העכסטע געריכט אָפּגעוואָרפען דעם פּראָטעסט
געגען די סיים-וואַהלען אין לאָדז

װאַרשאַ 1 (טעלעפאָניש) דאָס העכסטע געריכט האָט היינט בעטראַכט דעם פּראָטעסט פון די מאַנאַרכיסטען געגען די וואַהלען צום סיים אין דער שטאָט לאָדז. דער מאַנאַרכיסטישער פּראָטעסט איז געקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאָרוואַהל-אַגיטאַציע.

דאָס העכסטע געריכט האָט אָפּגעוואָרפען די אָנקלאַגע, אַזוי-אַרום זענען די וואַהלען אין לאָדז אָנערקענט געוואָרען פאַר גילטיג.

די יודען-רדיפות אין מעקסיקאַ ווערען איינגעשטעלט

מעקסיקאָ, 1 (י״א טעלעגראַפיש). י.ט.א. דערוויסט זיך, אַז אין די לעצטע טעג האָט זיך די רעגירונג אָנגעהויבען בעסער צו בעציהען צו די בעזייטיגטע יודישע הענדלער.

ווי מ׳פערזיכערט וועט דער פּרעזידענט פון מעקסיקאַ אונטערשטיצען דעם פּראָיעקט וועגען גרינדען קאָאָפּעראַטיווען פאַר די בעזייטיגטע יודישע הענדלער.

דער פּוילישער שאַרזש-ד׳אַפער האָט מיטגעטיילט דער יודישער טעלעגראַפען אַגענטור אַז די גרויסע מעקסיקאַנער צייטונגען האָבען אָפּגעהאַלטען די אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע.

ער האָט אויך געזאָגט אינטערווענירען וועגען די גרויסע גאַסען-דעמאָנסטראַציעס, נאָר ער האָט זיך אָבער געמוזט אָפּזאָגען דערפון, ווייל די דעמאָנסטראַציעס האָבען געטראָגען אַ פיינדליכען כאַראַקטער געגען די אויסלענדער בכלל.

לויט זיין מיינונג איז ווינשענסווערט אַ געמיינזאַמע אַקציע פון גאַנצען דיפּלאָמאַטישען קאָרפּוס, וואָס איז אָבער ליידער נישט דורכפיר־באַר צוליב דער קאַלטער בעציהונג פון די דיפּלאָמאַטען.

אויסגעפיהרט דעם טויט אורטייל
איבער אַ מערדער פון אַ יודישער פאַמיליע

בריסק 1 (טעלעפאָניש) היינט איז דאָ אויסגעפיהרט געוואָרען דער טויט אורטייל איבער דעם דעזערטיר מאַרקעוויטש, וועלכער האָט אויסגעמאָרדעט אַ גאַנצע יודישע פאַמיליע.

גראַדזיסקער חסידים דאָס צינגל איי וואַרשאַווער קהלה-ראַט

װאַרשאַ, 1 (טעלעפאָניש) אין דער ניי-געוועהלטער קהלה אין וואַרשאַ בילדען די גראָדזיסקער חסידים דאָס צינגעל. ביידע צדדים, סיי די ציוניסטען און סיי די „אגודה” בעמיהען זיך דעריבער זיי אריבערציהען אויף זייער צד און זאָגען צו אַלע גדולות. ס׳קומען פאָר אינטערוועניצען ביים גראַדזיסקער רבי׳ן. קיין ענדגילטיגע תשובה האָבען נאָך די גראָדזישיסקער נישט געגעבען.

אַ רעגירונגס-אויפקלערונג
פאַרוואָס דער יודישער לעהרער-סעמינאַר אין ווילנע איז געשלאָסען געוואָרען

ניו-יאָרק, 1 (י.ט.א. טעלעגראַפיש) דער פּוילישער גענעראַל-קאָנסול האָט אינפאָרמירט די יט״א, אַז ער האָט בעקומען אַ דעפּעשע פון דער פּוילישער רעגירונג, וועלכע שטעלט פעסט, אַז דער יודישער לעהרער-סעמינאַר אין ווילנע איז געשלאָסען געוואָרען דערפאַר, ווייל דאָרט איז געפיהרט געוואָרען אַ קאָמוניסטישע טעטיגקייט.

אויפפאָדערונג!

דערמיט פאָדער איך אויף דעם ה׳ יחיאל ראָזענבלום, אַלטער מאַרק 6, אַז ער זאָל מיר ערלעדיגען די פּראָטעסטען ביז מיטוואָך, ד. 3. יוני אין געגענטייל, וועל איך זיין געצוואונגען די וועקסלען איבערצוגעבען דער פּראָקוראַטור.

D. Róziewicz, Sienkiewicza 33.

צענטראַלער יודישער האַנדווערקער-פערבאַנד
אין לאָדז און אומגעגענד, פּאָלודניאָווא 4.

היינט, דינסטאָג, 8 אַ זייגער אין אָווענד קומט פאָר אין אונזער לאָקאַל פּאָלודניאָווא 4

אַ גרויסער מיטינג

וועגען דעם אַרט פון אַדורכפיהרען די קהלה-וואַהלען איז לאָדז

מיט אַ רעדע וועט אַרויסטרעטען ה׳ **ראובן האַפמאַן** (ג. מיטגליד אין דער וואַהל-קאָמיסיע פון דער קהלה.

קומט מאַסענווייז! בעמערקונג: די אַלע וועמען מען האָט צוגענומען דאָס רעכט צו שטימען ווערען געבעטען זיך צו מעלדען.

די פערוואַלטונג:

אַריך
יעדען קוואַנטום

צו בילינע פּרייזען

ליפערט

Południowa 22

טעל. 191-26 און 190-48

Z intencji zaręczyn naszej ukochanej

p. **FRANI ZAKSÓWNY**

z p. **SALKIEM LEJZEROWICZEM**

składamy nasze najserdeczniejsze życzenia.

Tola i Benjamin Silberberg

Władysław Frajman

וואַהל-קאָמיטעט פון די ראַדיק. ציוניסטען אין לאָדז ליסטע 1

שבת, דעם 6-טען יוני ד. י., פּינקטליך 9 אין אָוועגד קומט פאָר אין זאַל פון „הזמיר” (אַל. קאָשציושקי 21)

אַ גרויסער וואַהל-מיטינג

א. ד. ט.: „די אונטערהאַנדלונגען פון דער יוד. אַגענץ מיט דער ענגלישער רעגירונג און אונזער שטעלונג צום 17-טען ציוניסט. קאָנגרעס”

מיט׳ן אנטייל פון פּרעזעס פון צ. ק. פון דער ציוג. אָרגאַניז. אין פּוילען דעפּ. **י. גרינבוים** (נאָך זיין צוריקקומען פון לאָנדאָן).

נאָכ׳ן רעפעראַט—דיסקוסיעס. — בילעטען פון 50 גראָשען צו בעקומען אין לאָקאַל פון דער ציוג. אָרג. שרודמיעסקאַ 29, אין קאַסע „אַטלאַנטיק”, פּיעטרוק. 48, ביי ה׳ נורון, נאָוואָמיעסקאַ 15, ביי ה׳ קאַצבערג, פּאָמאָרסקאַ 3.

בעקאַנטמאַכונג.



דערמיט מאַך איך בעקאַנט דעם ג׳ פּובליקום, אַז איך האָב איבערגענומען דעם גוט-רענאָמירטען

הערען- און דאַמען-פריזיר-סאַלאָן

פּאָמאָרסקאַ 3
פריהער אָרנשטיין

און האָב אָנגעפיהרט דורך מיר אַליין. דער הערען- און דאַמען-פריזיר-סאַלאָן איז גענצליך רעאָרגאַניזירט מיט די נייעסטע טעכנישע און היגיענ. אויסבעסערונגען נייעסטע אָנדולאַציע! עלעגאַנטער מאַניקור! פיינסטע בעדינונג! מעסיגע פּרייזען! איך עמפּפעהל מיך דער ג׳ קונדשאַפט און צייכען

ADOLF FRYDE מיט אַכטונג

אינה. פון הערען- און דאַמען-פריזיר-סאַלאָן

פּאָמאַרסקאַ 3.

דערמיט דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען ביילייד אונזער קאָלעגע

מאַריץ גאַזשאַלטשאַני

און געשוויסטער צוליב׳ן טויט פון זייערע אונפערגעסליכע

נ״ע עלטערן

זייט געטרייסט!

קאָלעגען פון

„אויטאָ-טראַנספּאָרט”

טעלעפאָן 163-23

באַר וואַרשאַווסקי
נאָוואָמיעסקאַ 19 אין הויף

עמפּפעהלט טעגליך ערשטקלאַסיגע שמאַקהאַפטע **מיטאַגען** און **אָווענדברויט** מילכיגע, פליישיגע און דאָס גוטע גלאָז ביער, ווי אויך אַלע סאָרטען פעסלעך ביער וואָס גיבט אין לאָדז צום פּרייז פון —.8, —.9 און —.10 זל. שבת ווערען איבעראַל אָפּגעשיקט פעסלעך ביער לויט פערלאַנג. רעגעלע בעהאַנדלונג טעגליך ראַדיאָ-סאַרטעפּיאַן-קאָנצערט.

באַר וואַרשאַווסקי

אינהאַבער נתן פאַרבער

טעלעפאָן 163-23

מאַשין-מצות

ווערט געבאַקען אַלע טאָג פרישע און דינע ווי אויך מצה-מעהל. אייער-פערפעל און סובאַרקעס לויט קאַרלסבאַדער סיסטעם מיר עמפּפעהלען צו יעדער צייט אונזערע גוט-בעקאַנטע און פרישע געבעקסען פון אונזער איבעראַל בעוואוסטער צוקערביע

ג. ווײַנבערג
38 פּיעטריקאָווער 38
:–: טעלעפאָן 143-82 :–:

אַכטונג! עס ווערען אויך אַרויסגעגעבע פרישטיקען, אָווענד-ברויטען, ווי אויך יאַרסקע מיטאַגען

Dr. med. Michał Geller

אבסאָלווענט פון ווינער אוניווערזיטעט האָט זיך בעזעצט אין לאָדז נאַוראָט 2, ה. 21 און היילט מיט האַמע פּאַטיע און נאַטור-היילונג. נעמט אָן פון 10—1 בייטאָג אין הויז נאַוראָט 2 און פון 4—7 נאָכמיטאָג אין דער האָמעאָפּאַטישער אַפּטייק גלובנע 5. 1302

אונזערע חשובע פריינד

לייביש און זיסעל זאַקס

צו דער תנאים פון זייער ליבער טאָכטער

פריידעלע
מיט ה׳ **סאַלעק לייזעראָוויטש**

ווינשען מיר אַ הערציגען מזל-טוב און דעם יונגען פּאָר אַ גליקליכע צוקונפט.

אסתר מלכה און **רפאל יהודה זילבערבערג**

הגמנסיות של החברה ליסוד בתי-ספר תיכונים עברים בלודז

עורכות ביום ד׳, י״ח סיון תרצ״א

חגיגה אספורטאית

התכנית:

א. **בשעה 10** תהלוכת התלמידים והתלמידות ממגרש האספורט של הגמנסיות (בשדרות אנשטדט) דרך הרחובות: פומורסקה, פילסודסקי, פולנוצנה, נובומייסקה, מגרש-החופש, פיוטרקובסקה, נרוטוביץ׳עד מגרש-דומברובסקי

ב. **בשעה 15.30** על מגרש האספורט **בהילינוב**

א) תרגילי התעמלות,

ב) התחרות באספורט ובאתלטיקה קלה.

כרטיסים במחיר 2 זהובים, זהוב אחד וחמישים גר. (לתלמידים) יש להשיג בלשכות הגמנסיות: פירמוביץ 6, מגיסטרצקה 21 ומגיסטרצקה 22 במקרה אם ירד גשם באותו יום, יתקימו התהלוכה, התרגילים וההתחרות ביום ב׳, כ״ג סיון תרצ״א, עפ״י אותה תכנית עצמה.

אַכטונג!
פּענסיאָנאַט „פּשיגורסקי-ווינער”
איז געעפענט

גלאָוונאָ באָוואַ-אַטוואָצק, ווילע ה׳ פּאַסס

אין הערליכע, טרוקענעם סאָסנאָווע וואַלד. ווינער צימערן מיט בעזונדערע איינגענג. אויך אַ גרויסער שפּייז-זאַל מיט בעקוועמע וועראַנדעס. שמאַקהאַפטע בעקעסטיגונג. ראַדיאָ-קאָנצערטען, פּלאַזשע, — מעסיגע פּרייזען.

צו ערפאַהרען אין לאָדז ביי

ווינער, וואָסקאָדניאַ 27, אָדער אין גלאָוונאָ, פּאָסט-קעסטעל 58

לאָדז, 2 יוני 1931

„נייער פאָלקסבלאַט"

לאָדז, 2 יוני 1931

די שטים פון דער יודישער פרוי

מיט אַ צייט צוריק איז פאָרגעקומען אין דאַנ-
ציג אַ צוזאַמענפאָהר פון „ברית טרומפּעלדאָר", אויף
וועלכען עס זענען אָנגענומען געוואָרען אַ גאַנצע
רייהע רעזאָלוציעס, אין וועלכע עס איז כסדר גע-
רעדט געוואָרען וועגען ערציהען און ענטוויק-
לען די יוגענד אין גייסט פון „מיליטערישען ספּאָרט"
און עהנליכע צילען.

וואָס די רעזאָלוציעס בעדייטען, האָב איך
נישט פערשטאַנען, אַזוי גוט ווי איך פערשטעה
נישט בכלל, וואָס די רעוויזיאָניסטען ווילען. מיין
פערלעגענהייט און אונוויסענהייט אויף דעם געביט
איז אַזוי גרויס, דאָס איך האָב זיך נישט געשעהמט
זייענדיג אין וואַרשאַ, צו פרעגען ביי איינעם פון
אונזערע מענשען, אַ פלינקער קאָפּ, וואָס פער-
שטעהט זיך אויף אונזערע פּאַרטייאישע פּלפּולים
ער זאָל מיר ערקלערען וואָס דאָ טוט זיך, וואָרום
אַלץ וואָס די רעוויזיאָניסטען טענה'ן, איז דאָך
גענומען פון אַרסענאַל טענות און אַרגומענטען
וואָס די געגנער פון ציוניזם האָבען אַרויסגעשטעלט
אין משך פון יאָהרען, זיי די געגנער האָבען אָנגע-
וויזען אויף דער אַראַבער-פראַגע. זיי האָבען אָנ-
געוויזען אויפ'ן געוואַלדיג גרויסען באַטיילינגען –
וואַקס פון דער אַראַבישער בעפעלקערונג, זיי
האָבען אָנגעוויזען, אַז מען דאַרף האָבען דעם מלך
אוצר אום אויסצוקויפען דעם באָדען ביי די אַראַ-
בער און אַז דערמיט מאַכט מען די אַראַבער רייך
און ממילא שטאַרק א. אַז. וו.

אָט די אַלע טענות האָבען די רעוויזיאָניסטען
געזאַמעלט און פערפעסטיגט. זיי בענוצען זיך מיט
זיי אין זייער אַגיטאַציע. זיי טוען דערביי נאָר
איין קליינינקייט: אנשטאָט וואָס יענע האָבען
געהאַלטען, אַז דאָס איז די שוואַכע זייט פון ציוני-
ביזם, טענה'ן זיי, אַז דאָס איז גאָר די שוואַכקייט
פון דער לייטונג, אַז אין דעם איז שולדיג דער
סיסטעם און אויב מען וועט זיי לאָזען פיהרען,
וועלען זיי די אַלע שוועריגקייטען בעזייטיגען.
די טאַקטיק דערמאָהנט די מעשה מיט סלוצקער
יודען, מע דערצעהלט, דאָס אַמאָל, אין אַ חגא-טאָג,
ווען די פייערען זענען אַרויס פון קלויסטער, וואו
זיי האָבען געהערט אַ פייערדיגע דרשה פון רוסי-
שען גלח, וועלכער האָט זיי דערצעהלט, וואָס יו-
דען האָבען אָפּגעטון מיט צוויי טויזענד יאָהר צו-
ריק, האָבען זיי אָנגעהויבען בעפאַלען יודען און
שרייען: איהר האָט געהרג'עט... די סלוצקער
יודען זענען געווען קלוגע ליטוואַקעס, האָבען זיי
געענטפערט די פויערען: וואָס רעדט איהר? מיר
זענען דערביי נישט געווען, דאָס זענען דאָך געווען
קאַפּולער יודען!... אויך דאָ קומט אויס, אַז שול-
דיג זענען די פינסקער יודען, און אַז דער פיהרער
וועט ווערען אַ אָדעסער יוד, וועלען אַלע שוועריג-
קייטען זיין בעזייטיגט.

אויך מיין פריינד, צו וועלכע איך האָב זיך
געווענדעט, האָט מיר דאָס רעטעניש נישט גע-
קענט ערקלערען, ער האָט נאָר געזאָגט, אַז זייט
דער רוסישער רעוואָלוציע בעציהט ער זיך ערנסט
צו אַלץ. בישטאָ היינט קיין זאַך, וואָס זאָל זיין
אונמעגליך, אויב אַ חברה פון וועלכע מיר אַלע,
קלוגע, מיושב'דיגע מענשען האָבען געחוזק'ט, האָ-
בען געקענט פערכאַפּען אַ מלוכה און איהר האַל-
טען, דאַרף מען זיך שוין אויף קיין זאַך נישט
וואונדערען, היינט איז שוין אַלץ מעגליך.

איך בין אַפילו נישט גאַנץ מסכים מיט מיין
פריינד. פונדעסטוועגען בעמיה איך מיר צו פער-
שטעהן אַפילו דאָס וואָס אויפ'ן ערשטען בליק
זעהט עס אויס ווי משוגע. איך האָב דערום פער-
שוויגען די רעזאָלוציעס פון ברית טרומפּעלדאָר
און אויך די גאַנצע פּרעסע האָט זיי פערשוויגען.
ווען מען ווילט זיך אַריינפאַלען אין לייטישע מיילער
אין דערצו, ווען מען ווייסט פאָראויס, אַז דאָס
קען פערשידען אויסגעטייטשט ווערען? דערפאַר
געפין איך אַנ'אמת'ע בעפרידיגונג, ווען עס הערט
זיך אַ שטימע פון פּראָטעסט און דווקא פון אַ זייט,
פון וועלכער מיר האָבען עס נישט ערוואַרט.

די יודישע פרויען-ליגע פאַר שלום אין פּראַג,
פערעפענטליכט אַ פּראָטעסט געגען דער מיליטערי-
שער שפּילעריי פון וועלכער דער צוזאַמענפאָהר
איז געווען פול. די יודישע פרויען-ליגע ווערט גע-
זאָגט אין דעם פּראָטעסט — ווינשט אַז די יודישע
יוגענד זאָל ערצויגען ווערען אין דעם באמת נאַצי-
יאָנאַלען בעוואוסטזיין פון אַחדות, גערעכטיגקייט
און שלום, וועלכער גיט די גאַראַנטיע, אַז די יו-
דישע יוגענד וועט געפינען דעם ריכטיגען און גע-
רעכטען וועג פאַר דער בענייאונג פון פאָלק.

דאָס איז די איינציגע שטים וואָס האָט געהאַט
דעם מוט צו ענטפערען אויף יענע קריגערישע
דאַנציגער רעזאָלוציעס. און עס טוט מיר הנאה,
וואָס די שטים קומט פון דער יודישער פרוי, אַז
זי האָט דערפיהלט דעם נישט-יודישען טאָן פון
ווילדער געוואַלד, וואָס האָט זיך געטראָגען פון יע-
נער קאָנפערענץ. אויב די פרויען האָבען ביז-
איצט, מיט זייער בעטייליגונג אין פּאָליטישען לע-
בען, מעהר נישט אויפגעטון ווי נאָר דעם פּראָטעסט
האָבען זיי בערעכטיגט זייער טעטיגקייט, עס איז אַ
מענשליך-יודיש וואָרט אין א משוגענער, ווילדער
צייט.

ש. י. סטופּניצקי.

די פּאָליטישע לאַגע אין אייראָפּע

אין דער פּאָליטישער לאַגע פון אייראָפּע זע-
נען אין די לעצטע מאָנאַטען פאָרגעקומען גרויסע
ענדערונגען. אין פערלויף פון דער קורצער צייט
זענען אויף דעם פּאָליטישען שאַך-ברעט געמאַכט
געוואָרען אייניגע געוואַגטע און קלוגע צוגען, וועל-
כע האָבען געענדערט דאָס פּאָליטישע פּנים פון
דעם אייראָפּעאישען קאָנטינענט. און דאָס האָט
וואַהרשיינליך דער פראַנצויזישער דיפּלאָמאַט הער-
יאָ געהאַט אין זינען, ווען ער האָט ערקלערט, אַז
זייט 1914 איז די לאַגע אין אייראָפּע נישט געווען
אַזוי ערנסט, ווי זי איז היינט.

מיטגעבראַכט די ענדערונג האָט דער וועלט-
קריג. די עקאָנאָמישע אומשטענדען האָבען גע-
צוואונגען די לענדער זיך צו בענוצען מיט מיטלען,
וועלכע זיי וואָלטען אין נאָרמאַלע צייטען זיכער
אויסגעמידען.

פריהער ווי אַלץ האָבען אַ צאָהל לענדער
געענדערט זייער בעציהונג צו סאָוויעט רוסלאַנד.
רוסלאַנד איז פערבליבען די איינציגע גרויסע מאַכט,
וואָס איז פון דעם אַלגעמיינעם קריזיס נישט ר'אַי-
נירט געוואָרען. די נאָכפראַגע אויף אימפּאָרטירטע
סחורה אין רוסלאַנד איז אין דעם קריזיס יאָהר
פון 1931 נישט קלענער, ווי אין יאָהר 1929. נישט
ווילענדיג האָבען די אַלע אויסגעהונגערטע לענ-
דער גענומען וואַרפען זשעדנע אויגען אויף דעם
איינציגען קונה.

און אַזוי האָט עס פּאַסירט, אַז אין פערלויף
פון אַ קורצער צייט האָט רוסלאַנד געשלאָסען
האַנדעלס-אָפּמאַכען מיט לענדער, וואָס זענען פּאָלי-
טיש אַזוי ווייט פון איהר ווי מזרח איז ווייט פון
מערב. זי האָט זיך פערבונדען מיט דער פאַשיסטי-
שער איטאַליע, מיט דער טיראַנישער טערקיי, זי
איז צוגעקומען זעהר נאָהענט צו דער האַלב-סאָצי-
יאַליסטישער דייטשלאַנד.

אין דער קריזיס האָט אויך געווירקט אויף אַ
צאָהל לענדער אין אייראָפּע, וועלכע זענען די אַלע
יאָהרען זייט דעם וועלט-קריג געווען פיינדליך גע-
שטימט איינע געגען די אַנדערע. זיי זאָלען זייט-
שבאה פערבויגען און נעהמען טראַכטען וועגען גע-
גענזייטיגע הילף. עס איז געשלאָסען געוואָרען אַ
האַנדעלס-אָפּמאַך צווישען איטאַליען און עסטרייך,
צווישען עסטרייך און ענגלאַנד, עס איז דאָ אַ
סברא, אַז אויך רומעניען און רוסלאַנד זאָלען
ענדליך קומען צו אַ פערשטענדניש.

אַ דריטע זאַך האָט פּאַסירט אַלס רעזולטאַט
פון דעם קריזיס. דייטשלאַנד און עסטרייך האָבען
געוואָגט צו מאַכען דעם שריט פון פעראייניגען
זיך עקאָנאָמיש, אָפּצושאַפען אַלע עקאָנאָמישע גרע-
נעצען, וואָס האָבען צווישען זיי עקזיסטירט. די ביי-
דע לענדער האָבען געוואוסט, אַז די האַנדלונג וועט
אַרויסרופען די העפטיגסטע פּראָטעסטען פון פראַנק-
רייך, אַז דאָס וועט ערוועקען געגען זיי דעם צאָרן
פון קאָנסערוואַטיווע דיפּלאָמאַטען, אָבער די פער-
צווייפעלטע לאַגע, אין וועלכער זיי האָבען זיך גע-
פונען, האָט זיי געצוואונגען צוואָגען, און זיי האָ-
בען געוואָגט.

די אַלע געשעהענישען, וואָס מיר האָבען דאָ
אויסגערעכענט, געהערען צום עקאָנאָמישען פעלד,
אָבער דורך עקאָנאָמישע האַנדלונגען ווערען דאָך
בעשטימט פּאָליטישע בעציהונגען, די אַלע לענדער
וואָס האָבען זיך פערבונדען עקאָנאָמיש, ווענען
ממילא אויך פּאָליטיש נאָהענט, צי זיי האָבען
אָפיציעלע פּאָליטישע אָפּמאַכונגען צי נישט. אין
דער פּאָליטיק פון אייראָפּע שטעהען איצטער צו-
זאַמען די פאָלגענדע לענדער: רוסלאַנד, דייטשלאַנד,
טערקיי, איטאַליען, עסטרייך, אונגאַרן און מעגליך
אויך רומעניען.

און אויף דער אַנדער זייט, געגען זיי, שטעהט
פראַנקרייך און דער „קליינער אַנטאַנט". פריהער
האָבען צו דעם קליינעם פערבאַנד, מיט וועלכען
פראַנקרייך האָט זיך אַרומגערינגעלט, געהערט: פּוי-
לען, טשעכסלאָוואַקיע, יוגאָסלאַוויע און רומעניען,
איצט, ווייזט אויס, פאַלט רומעניען אַוועק. און אויב
רומעניען וועט אַרויסגעהען פון פערבאַנד, קען מען
ערוואַרטען, אַז מיט דער צייט זאָל יוגאָ-סלאַוויע
נאָכטון איהר ביישפּיל.

דאָס איינציגע לאַנד אין אייראָפּע, וואָס האָט
נאָך נישט קלאָר געמאַכט איהר שטעלונג איז דער
נייער גרופּירונג, איז ענגלאַנד. פאַר איהר איז טאַקע
נישט לייכט צו ענטשיידען. זי געפינט זיך אין דער
אומגליקליכער לאַגע וואָס ביי איהר זענען די עקאָ-
נאָמישע אינטערעסען אין געגענזאַץ צו די פּאָלי-
טישע אינטערעסען. עקאָנאָמיש מוז זי זיין פריינד-
ליך מיט רוסלאַנד, ווייל אין רוסלאַנד האָט זי אַ גרוי-
סען מאַרק פאַר איהרע סחורה, אָבער פּאָליטיש מוז
זי זיין פיינדליך צו רוסלאַנד, ווייל רוסלאַנד טוט
איהר אָן צרות אין כינע, אינדיע און נאָנט אַזיע.
און איהר בעציהונג צו דייטשלאַנד איז פּונקט פער-
קעהרט. פּאָליטיש איז זי צו דייטשלאַנד נאָהענט,
ווייל פאַר ענגלאַנד טויג נישט אַז פראַנקרייך זאָל
זיין די פּאָליטישע בעלעבאָסטע פון אייראָפּע. אָבער
עקאָנאָמיש איז פאַר איהר דייטשלאַנד היינט פילייכט
נאָך אַ גרעסערע געפאַהר ווי בעפאָר דער וועלט-
מלחמה.

צו פראַנקרייך האָט ענגלאַנד קיינמאָל נישט
געהאַט קיין איבעריג גוטע געפיהלען. ווען זי האָט
זיך מיט איהר פעראייניגט פאַר דער מלחמה, איז
דאָס נישט געווען אויס ליבע צ איהר, נאָר אויס
שנאה צו דייטשלאַנד. זייט דער פרידען איז גע-
שלאָסען געוואָרען, האָט ענגלאַנד זעלטען געשטיצט
פראַנקרייך, נישט די פּאָליטישע און נישט די מילי-
טערישע. אויב זי האָט געדולדעט, איז דאָס געווען
צוליב דיפּלאָמאַטישע אורזאַכען. דאָס איז פאַר קיי-
נעם קיין סוד נישט, אַפילו נישט פאַר פראַנקרייך.

דאָס, אַלזאָ, איז די נייע פּאָליטישע לאַגע, וואָס
איז געשאַפען געוואָרען אין אייראָפּע אין פערלויף
פון די לעצטע מאָנאַטען. און די לאַגע איז אַנאומ-
זיכערע, אַ געפעהרליכע. די צוויי גרופּען פיהלען
זיך גענוג שטאַרק זיך צו שטעלען איינע געגען די
אַנדערע, און יעדער מיטגליד פון יעדער גרופּע
איז פערביטערט געגען אַ געוויסען מיטגליד פון דער
געגנערישער גרופּע: דייטשלאַנד געגען פראַנקרייך,
איטאַליען געגען פראַנקרייך, רוסלאַנד געגען פּוי-
לען, און אַזוי כסדר.

העריאָ האָט די לאַגע ריכטיג כאַראַקטעריזירט.
קיינמאָל, זינט 1914, איז פּאָליטיק נישט געווען אַזוי
ערנסט ווי איצטער.

די ענדערונג פון דער פּאָליטישער אָריענטאַציע פון „דזשואיש קראָניקל"

לאָנדאָן, (י.ט.א.) דער בעקאַנטער ענג-
ליש-יודישער זשורנאַל „דזשואיש קראָניקל" פער-
עפענטליכט אַ לייט-אַרטיקעל, אין וועלכען עס
ווערט אַרומגערעדט די פראַגע פון דער קינפטיגער
לייטונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אינ'ם
דאָזיגען אַרטיקעל קומט צום אויסדרוק אַן'ענדע-
רונג אין דער אַנטי-ווייצמאַן-קאַמפּאַניע. וואָס איז
דורך דעם „דזשואיש קראָניקל" געפיהרט געוואָ-
רען אין משך פון די לעצטע יאָהרען. „דזשואיש
קראָניקל" בעטראַכט ד"ר ווייצמאַנ'ען אַלס איינע
פון די אָנגעזעהענסטע פערזענליכקייטען אין דער
ציוניסטישער בעוועגונג און דריקט אויס די אי-
בערצייגונג, אַז עס וואָלט נישט געווונשען גע-
ווען פאַר'ן ציוניזם צו מאַכען וועלכע עס איז ענ-
דערונגען אינ'ם אַמט פון דער הויפּט-לייטונג פון
דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. נישט געקוקט
אויף זיינע גרויסע פערדינסטען, דאַרף אָבער דאָס
ווייטערע פערנעהמען פון פּרעזידענט-אַמט דורך
ד"ר ווייצמאַן און דאָס איבערלאָזען איהם די פּאָ-
ליטישע אָנפיהרערשאַפט פון דער ציוניסטישער
בעוועגונג זיין אָפּהענגיג פון אַ רעוויזיע פון אַ
רייהע עפענטליכע ערקלערונגען, וועלכע ד"ר
ווייצמאַן האָט לעצטענס געמאַכט בנוגע די צילען
פון ציוניזם ווי אויך בנוגע זיין שטעלונג צו דער
פערברייטערטער יודישער אַגענץ. עס קאָן אָבער
יעדענפאַלס נישט זיין קיין רייד, ענדיגט די „דזשו-
איש קראָניקל", וועגען דעם, אַז די הויפּט-לייטונג
פון דער ציוניסטישער בעוועגונג זאָל איבערגע-
נומען ווערען דורך וול. זשאַבאָטינסקי, וועלכער
האָט נישט דעם מינדעסטען צוטרוי מצד דער
מאַנדאַט-מאַכט, די אַראַבער ווידער וועלען איהם
אונבעדינגט בעקעמפען.

די פּאַלעסטינאַ-איינדרוקען פון פרוי האַהן-וואַרבורג

בערלין, (י.ט.א.) דאָ איז צוריקגעקומען
פון איהר רייזע קיין ארץ-ישראל פרוי פּאַולאַ האַהן-
וואַרבורג, אַ טאָכטער פון מאַקס וואַרבורג אין האַמ-
בורג. אין אַ געשפּרעך מיט פאָרשטעהער פון דער
פּרעסע האָט פרוי האַהן-וואַרבורג זיך געטיילט מיט
איהרע איינדרוקען פון ארץ-ישראל.

ווער עס בעזוכט דאָס דאָזיגע לאַנד, האָט
פרוי האַהן-וואַרבורג ערקלערט, מוז אַ לאַנגע צייט
בלייבען אונטערן איינדרוק פון דעם וואָס מען האָט
דאָרט געזעהן. נישט געקוקט אויף אַלע ווירטשאַפט-
ליכע און פּאָליטישע שוועריגקייטען, האָט מען
דעם איינדרוק, אַז קיין שום קראַפט אין דער וועלט
וועט נישט זיין בכח צו פערניכטען דאָס ווערק,
וואָס איז שוין געשאַפען געוואָרען אין א"י דורך
דעם ענטוזיאַזם און אָפּפערוויליגקייט פון די יודען.
דאָס, וואָס איז ביז איצט געשאַפען געוואָרען, באַ-
זירט זיך אויף פעסטע און געזונטע יסודות. עס
איז אָבהענגיג פונ'ם רצון פון די יודען אויף דער
גאַנצער וועלט, אַז דאָס געשאַפענע ווערק זאָל נאָך
מעהר בעפעסטיגט ווערען און זאָל זיך ווייטער און
ווייטער ענטוויקלען.

דער יוד אין א"י ווייס נישט פון קיין פער-
צווייפלונג. די אונגליקען, וואָס האָבען איהם גע-
טראָפען, האָבען נישט אונטערגעגראָבען זיין פעס-
טען רצון פאַר ווייטערן אויסדויער. אינ'ם דאָזיגען
לאַנד שאַפט זיך דער טיפּ פון אַ נייעם יוד, אַ יוד
פון דערוואַכונג. ער טוט בעוואוסטזיניג ווייטער
וועבען די גאָלדענע קייט פון דער יודישער גע-
שיכטע, יודישע טראַדיציע און שפּראַך. ער איז
פריי פון געהעטאָ-באַלאַסט, האָט אַ גלייכען רוקען
און איז אַ שטאָלצער מענש. די דאָזיגע ערוואַכונג
מאַכט אַנ'אומגעהויערען איינדרוק אויף יעדען, וואָס
בעזוכט ארץ-ישראל.

זעהר פיל ווערט פאַרגעוואָרפען די קבוצות
אין ארץ-ישראל. דאָס אָבער, וואָס איך האָב דאָרט
געזעהען האָט מיך איבערצייגט, אַז נאָר אַזעלכע
חלוצים-גרופּען, וועלכע מען טרעפט אין די קבוצות
זענען בכח ביי צוקומען די שוועריגקייטען, וואָס
זענען פערבונדען מיט'ן איינעמען און בעהערשען
דעם פּאַלעסטינער באָדען. דער געזעלשאַפטליכער
אידעאַל, פון וועלכען די חלוצים זענען בעהערשט,
איז אויסגעצייכענט צוגעפּאַסט צו די בעדערפנישען
און בעדינגונגען פון ארץ-ישראל. די דאָזיגע מע-
טאָדען זענען אפשר צו טייער, עס איז מעגליך,
אַז פאַר אַ ווייטערן מרחק וועלען זיי זיך אַרויס-
ווייזען אַלס נישט פּראַקטיש, אָבער אינ'ם ערשטען
אויפבוי-פּעריאָד זענען זיי די איינציגע מעגליכע
און פּראַקטישע קאָלאָניזאַציאָנס-פאָרם.

די יודען אין א"י אַנערקענען בלויז איין-
איינציגע מאַיעסטעט. וועלכע זיי בעשענקען מיט
דער גרעסטער פערעהרונג, אויף וועלכער זיי קענען
זיך ערלויבען – דאָס איז די מאַיעסטעט פון קינד.
אין קיין שום לאַנד שענקט מען נישט דעם קינד
אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט ווי אין א"י. עס אונ-
טערליגט נישט קיין שום ספק, אַז דער נייער יודי-
שער דור אין א"י וועט בערייכערן דעם וועלט-
יודענטום מיט נייער בעגייסטערונג, וועלכע פעהלט
אַזוי שטאַרק דער מאָדערנער יודישער געזעלשאַפט-
ליכקייט.

צווישען די אָרטאָדאָקסישע יודען און דעם
מאָדערנעם נישט-רעליגיעזען יודישען אַרבייטער
ליגט למראית-עין אַ תהום. מען דאַרף אָבער געדענ-
קען, אַז דעם אָרטאָדאָקסישען יוד האָט דאָס יודי-
שע פאָלק צו פערדאַנקען, דאָס די בענדער, וואָס
פערקניפּען דאָס יודישע פאָלק מיט ארץ-ישראל זע-
נען נישט צעריסען געוואָרען. אפילו די מאָדערנע
נישט-רעליגיעזע יודישע אַרבייטער זענען בעהערשט
פון אַ רעליגיעזען גייסט. זיי פייערן ימים-טובים
אויף זייער אייגענעם שטייגער. איך צווייפעל נישט,
אַז דער רעליגיעזער געניוס. וועלכער איז אַזוי איי-
גענאַרטיג פאַר אונזער פאָלק, וועט אויך ערוואַכען
אין ארץ-ישראל און וועט נאָכאַמאָל בערייכערן די
וועלט מיט נייע אידעען.

איך וועל קיינמאָל נישט פערגעסען דעם
פּסח, וועלכען איך האָב געפייערט אין ארץ-ישראל.
עס שטעהען נאָך פאַר מיינע אויגען די הונדערטער
יונגע אַרבייטער און אַרבייטערינס, וועלכע האָבען
אָפּגעגעבען עהרע זייערע פיהרער, מאַרשירענדיג
מיט העברעאישע לידער אויף די ליפען פאַר'ן הויז,
וואו דר. חיים ווייצמאַן האָט זיך אויפגעהאַלטען
אין חיפה. די יודען האָבען באמת אין דער פער-
זאָן פון דר. ווייצמאַן אַ גרויסען פיהרער פון אונ-
געהויערע פעהיגקייטען און פּאָליטישען שוואונג.

ווי בעקאַנט, אינטערעסירט זיך פרוי האַהן-
וואַרבורג זייט פיל יאָהרען מיט'ן יודישען קולטו-
רעלען און קינסטלערישען לעבען אין ארץ-ישראל.
בעזונדערס גרויסע פערדינסטען האָט פרוי האַהן-
וואַרבורג אין די לעצטע יאָהרען פאַר דער ענט-
וויקלונג פון דער „הבימה".

אַ פאָרלעזונג פון ד"ר י. ל. מאַגנעס

וועגען די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין א"י

ניו-יאָרק (י.ט.א.) דער קאַנצלער פון
העברעאישען אוניווערזיטעט ד"ר י. ל. מאַגנעס
האָט אין מוזעאום פון האַרוואַרד-אוניווערזיטעט אין
באָסטאָן געהאַלטען אַ פאָרטראַג וועגען די וויסענ-
שאַפטליכע ערגעבענונגען פון די אַרכעאָלאָגישע
אויסגראָבונגען אין ארץ-ישראל, הויפּטזעכליך בנוגע
די אויסגראָבונגס-אַרבייטען, וואָס ווערען אדורכגע-
פיהרט אונטער דער אויפזיכט פון העברעאישען
אוניווערזיטעט. אַ דאַנק די דאָזיגע אַרבייטען, ווע-
רען וואָס אַמאָל מעהר ענטדעקט נייע איינצעלהיי-
טען וועגען די פערשידענע פּעריאָדען פון דער
יודישער געשיכטע.

ניי'ער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

ניי'ער פאלקסבלאט

דינסטאג 2 יוני — ד' סיון תרצ"א

יוני
זון-אויפגאנג 3.24
זון-אונטערגאנג 7.44

פון א רב ביז דער שחיטה

מיט וואס וועלען זיך בעשעפטיגען די ניי-געוועהלטע פרנסים?

דער ארעסט פון הענעך ווראבלעווסקי מיט זיין זון, וואס שטעהט אין צוזאמענהאנג מיט די פארבעקומענע קהלה-וואהלען אין לאדז, האט ארויסגערופען אנ'אמת'ע סענסאציע אין אלע קרייזען, וועלכע האבען זיך אינטערעסירט מיט די וואהלען בכלל די בעמיהונגען די ארעסטירטע צו בעפרייען האבען געהאט ערפאלג און זיי זענען היינט בעפרייט געווארען. מ'ווייסט נאך אויך דערווייל נישט אין וואס די פערהאלטענע ווערען קאנקרעט בעשולדיגט יעדענפאלס זעהט מען נאך, אין דעם א פארזעצונג פון דעם וואהל-קאמף.

וואס שייך די אפאזיציאנעלע פארטייען האבען זיי נאך אלץ נישט אנגענומען קיין ענטגילטיגע בעשלוס וועגען זייער ווייטערדיגער שטעלונג אין דער פראגע פון דעם וואהל-אויסגאנג.

אלע פארטייען האלטען כסדר אפ בעראטונגען און אין פערלויף פון היינטיגען טאג וועט די לאגע שוין קלאר ווערען, יעדענפאלס איז זיכער, אז אלע א חוץ דער „אגודה" וועלען אריינטראגען צום סטאראסטע אנקלאגען געגען די וואהלען, דאגעגען איז נישט וואהרשיינליך, אז ס'זאל קומען צו א געמיינזאמען ארויסטריט פון דער גאנצער אפאזיציע.

כאראקטעריסטיש איז אויך דער פאקט וואס די ווירטשאפטליך-אומפארטייאישע, וועלכע האבען זיך אין טאג פון די וואהלען געוואנדעט מיט א שריפטליכען פראטעסט געגען די וואהל-מאכינאציעס, ווילען זיך איצט נישט אנגאזשירען אין קיין שום פראטעסט-אקציע און האבען אויך נישט בדעה אפיציעל זיך צו ווענדען מיט אנקלאגען, פון גוט-אינפארמירטע קרייזען טיילט מען מיט, אז די דאזיגע ווענדונג ביי די ווירטשאפטליך אומפארטייאישע (ליסטע 10) איז געקומען אלס רעזולטאט פון א פערשטענדיגונג, וואס איז פארגעקומען צווישען דער מעהרהייט און דערמאהנטע ליסטע. לויט דער דאזיגער פערשטענדיגונג האט די מעהרהייט געזאגט צוזאגען דעם „צעהנטעל" אנ'ארט אין דער פערוואלטונג.

די מעהרהייט וועט דערביי אויך גארנישט פערלירען, ווייל ווי יס'שטעלט זיך ארויס וועט די „אגודה" נישט האבען די נויטיגע 15 שטימען וואס זי דארף אדורכצופיהרען 5 מיטגלידער אין דער פערוואלטונג, דאס איז דערפאר, וואס די „פועלי-אמוני-ישראל" בונטעוועט זיך שטארק און ווי ס'האט אונז ערקלערט איינער פון זייערע אנפיהרער וועט זייער אויסגעוועהלטער פרנס בשום אופן נישט שטימען אויף דער ליסטע וואס די „אגודה" וועט ארויסשטעלען צו דער פערוואלטונג. צוליב דעם איז די „אגודה" געווען געצוואונגען צו זוכען אנ'אנדער פונפצעהנטע שטימע און האט זי געפונען ביי די ווירטשאפטליך-אומפארטייאישע.

ווי די מעהרהייט האלט וועט דער פארשטעהער פון די ווירטשאפטליך-אומפארטייאישע בישט געהען געגען דער אגודה און ס'וועט זיין א שלומדיגע צוזאמענארבייט, אויב אפילו נישט איז די „אגודה" אסעקורירט מיט א מעהרהייט אין דער פערוואלטונג דורך דעם וואס דער ניינטער מיטגליד אין דער פערוואלטונג איז דער רב.

די צייטווייליגע פערוואלטונג פון דער קהלה טוט דערווייל דאס איהריגע, דער וואהל-פראטאקאל איז שוין צוגעשיקט געווארען צום סטאראסטע און ס'ווערען שוין געמאכט אלע פארבערייטונגען צו דער ערשטער זיצונג פון קהלה-ראט, איצט שטעלט זיך די פראגע מיט וואס וועט זיך איצט בעשעפטיגען דער קהלה-ראט, מ'דארף בעהמען אין בעטראכט, אז דער בודזשעט אויפ'ן יאהר 1931 איז שוין אויסגעארבייט געווארען דורך דער קהלה פערוואלטונג, שוין בעשטעטיגט געווארען דורך דער סטאראסטווע און וואיעוואודזטווע און שוין איבערגעשיקט געווארען אין מיניסטעריום. אז דער ראט וועט זיך נישט מעהר דארפען בעשעפטיגען מיט דער עיקר'דיגער פראגע, וועלכע וואלט ארויסגערופען גרויסע און הייסע דיסקוסיעס, באר מיט פראקטישע פראגען פון דער קהלה-ארבייט.

די ערשטע פראגען וועלען זיין וואהלען פון א רב, אין לאדז און דאס איבערנעהמען די שחיטה, וועלכע איז שוין מעהר נישט קיין פראגע פון וועלען אדער נישט וועלען, נאר אנ'אינסטרוקציע פון דער מאכט, אז ביז אקטאבער מוז דער פראיעקט פון איבערנעהמען די שחיטה פערטיג ווערען.

צוליב דעם וואס עס דערנעהנטערען זיך די פעריען-חדשים וועט די דאזיגע פראגע זיין די ערשטע וועגען וועלכער די נייע פרנסים וועלען דיסקוסירען.

פראטעסט-מיטינג צוליב די מאכינאציעס בעת די וואהלען צו דער יודישער קהלה

אין צוזאמענהאנג מיט די לעצטע קהלה-וואהלען אין אונזער שטאט, איז דעם היינטיגען זונטאג פארגעקומען א פראטעסט-מיטינג אויף גייערס ראיאן.

אויף דעם מיטינג האבען זיך פערזאמעלט הע[?]כער טויזענד מענשען.

נאך א קורצע איינלייטונגס-רעדע פון פארזיצענדען בעקומט דאס ווארט דער געוועזענער פרנס ה' פלאצקער, וועלכער האט געשילדערט די פערשידענע שיקאנעס וועלכע זענען געווארען אנגעווענדעט לגבי די נישט אגודהשע וועהלער אויף גייערס ראיאן.

א לענגערע רעדע האט דאן געהאלטען ה' צ. ריגגארט, נאכדעם ווי עס האבען נאך גערעדט די ה"ה גאלדהירש און קאטקאווסקי איז איינשטימיג אנגענומען געווארען פאלגענדע רעזאלוציע:

„די אנוועזענדע אויף דעם מיטינג זונטאג דעם 31 מאי אויף נאווא-זארזשעווסקא 18, אויסהערענדיג די בעריכטען וועגען דעם גאנג פון די וואהלען צו דער יודישער קהלה וואס זענען פארגעקומען אין לאדז מיטוואך דעם 27 מאי און וועגען די אונגעהויערע מיסברויכען און שיקאנען, וואס זענען געמאכט געווארען דורך די מאכטהאבענדע „אגודה"-לייט, וועלכע האבען אדורכגעפיהרט די וואהלען

פראטעסטירען אמשארפסטען:

1) געגען: נישט צולאזען צו די וואהל-קאמיסיעס די פערטרויאונגס-מענער פון די אנדערע גרופירונגען און בעזעצען כמעט פון אלע קאמיסיעס מיט אייגענע מענשען, כדי צו קענען אדורכפיהרען אונגעשטערט פערשידענע מיסברויכען און מאכינאציע.

2) געגען טאלערירען און צוהעלפען דורך די אגודהשע פארזיצענדער און מיטגלידער פון די וואהל-קאמיסיעס, אז מען זאל אונגעשטערט שטימען פאר אנדערע מענשען וואס האט געבראכט דערצו, אז הונדערטער און טויזענדער וועהלער זענען בערויבט געווארען פון זייער וואהל-רעכט.

3) געגען די אונגעזעצליכע שיקאנען וואס ס'האבען געהאט אויסצושטיעהען אין די וואהל-אבוואדען די וועהלער וועלכע מ'האט חושד געווען אז זיי געהערען נישט צום אגודהשען לאגער.

4) געגען די אלע אפענע פערדעקטע מיסברויכען, וואס זענען בעגאנגען געווארען דורך די אגודהשע וואהל-קאמיסיעס.

די איבענדערמאנטע אונערהערטע האנדלונגען מצד די מענשען, וועלכע זענען געווען פעראנטווארטליך פאר אדורכפיהרען די וואהלען האבען געמאכט צושאנד און צו שפאט דעם וואהל-אקט צו דער יודישער קהלה אין לאדז און דערפיהרט צו א חלול השם און פערשוועכונג פון די עלעמענטארסטע בעגריפען פון מענשליכקייט, מיר שטעלען דעריבער פעסט אז דער אויסגאנג פון די וואהלען שפיגעלט אבסאלוט נישט אפ די פאקטישע כוחות-פערהעלטנישען אויף דער יודישער גאס, מיר אנערקענען נישט דעם דאזיגען וואהל-רעזולטאט און פאדערען צוצוציהען צו פעראנטווארטליכקייט די אלע, וועלכע זענען דירעקט פעראנטווארטליך פאר'ן דורכפיהרען די וואהלען און פאר דערנידעריגען דעם אנזעהען פון דער יודישער קהלה וועלכע דארף זיין דער ארגאן פון דער יודישער זעלבסטפערוואלטונג.

מיט דעם איז די פערזאמלונג געשלאסען געווארען.

וועגען די קהלה-וואהלען

א בעריכט אין האנדווערקער-פערבאנד

היינט אוונד ארדענט איין דער צענטראלער יודישער האנדווערקער-פערבאנד (פאלודניאווא 4) א מיטינג געווידמעט דעם ארט פון אדורכפיהרען די קהלה-וואהלען אין לאדז.

צוליב דעם וואס אויפ'ן מיטינג וועט ארויסטרעטען ה' ראובן האפמאן, וועלכער איז געוועזען א מיטגליד אין דער וואהל-קאמיסיע פון דער קהלה האט דער מיטינג ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס ביי דער לאדזער בעפעלקערונג.

דער גן-עדן פאר גנבים

ס'איז איצט לייכטער צוצוקומען צו א תכלית דורך די אפענע פענסטער

(2) א סברא: עס זענען גאר נישטא אויף דער וועלט קיין שלעכטע זאכען, וואס זאלען נישט ארויסקומען צום גוטען... אט נעמט, למשל, די געבריהטע און געברענטע היצען, וועלכע פערוואנדלען אונז אין לעבעדיג געבראטענס — איז אפילו אטא די היצען זענען א טובה פאר דעם גנבים-פאך... ס'איז הייס ס'איז פארגע נישט צום אויסהאלטען — האלט מען ביינאכט אפען די פענסטער, און פאר דער „לאנגעהענדיגער ראמע" איז עס א גן-עדן-התחתון... סע בעט זיך ממש: „קום אריין, פעטערל, און שטופ זיך אן די טאשעי, אדער די זעק"...

פערשטעהט זיך, אז די ה"ה גנבים לאזען זיך נישט לאנג בעטען, און אין די לעצטע טעג מאכען זיי אפט „ליוסטראציעס" אין פארטער-און איינשטאקיגע וואוינונגען.

די פאריגע נאכט האבען צ. א. זיי בעזוכט די וואוינונג פון טראמוויי קאנדוקטאר סטאניסלאוו באראווסקי (גלאווינא-גאס 5) און צוגעלקוטשט ביי איהם דורכן אפענעם פענסטער א טייערען בודניק... משמעות, ער זאל איהם נישט וועקען, ווען מ'דארף נישט...

איז דער קאנדוקטאר נאכגעלאפען די גנבים מיט א רעוואלווער אין דער האנד, און געשריגען: חי וקים...

דער היוצא מדבריני איז. אז ווי ס'זאל נישט זיין דושנע, ווי הייס מ'זאל נישט זיין. האלטס בעסער צוגעמאכט ביינאכט די פענסטער. טיידען די קאמארניקעס האבען אייך פריהער צוגערוימט די וואוינונגען...

די פלאג פון דארפס-שרפות

אבגעברענט א גאנץ דארף און א גרויסער מארטאק

(א) מחמת די מוראדיגע היצען פערמעהרען זיך אויך די שרפות אין די דערפער ארום לאדז.

אזוי איז די פאריגע נאכט אוועק מיטין פייער דאס גאנצע דארף גרעמבי (ראדאמשטאנער קרייז) דערביי יזאיז אומגעקומען א קינד און 7 פויערים זענען שרעקליך אפגעבריהט געווארען ביים פרובען ראטעווען די פערמעגענס. דער היזק בעטרעפט 350.000 זל.

עס איז אויך אפגעברענט געווארען דער מארטאק פון די ברידער סטאניסלאוו און אנטאני שניאדי אין זאדושים לאסקער קרייז. דער היזק בעטרעפט 200.000 זל. די שרפה איז ענטשטאנען פון א לאקאמאטיוו-פונק.

פאבאר פון יאהרגאנג 1910

היינט, דינסטאג, שטעלען זיך:

פאר דער פאבאר-קאמיסיע, נומער 1

(זאקאנטנע 82)

מענער פון יאהרגאנג 1910, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 5 פאליציי-קאמיסאריאט, די פאמיליע-נעמען פון וועלכע עס הויבען זיך אן מיט די אותיות:

L N

פאר דער פאבאר-קאמיסיע, נומער 2

(אגראדאווא 34)

די וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 4-טען קאמיסאריאט — מיט די אותיות:

P R

פאר דער פאבאר-קאמיסיע, נומער 3

(אל. קאשטשושקי 21)

פאבאראווצעס פון די יאהרגענג 1911, 1912, 1913, (פריוויליגע) פון 2, 3, 5, 8, 9 און 11 קאמיסאריאטען.

פאר דער פאבאר-קאמיסיע פ. כ. או. לאדז-פאוויאט

(פיעטריקאווער 187)

שטעלען זיך די פאבאראווצעס פון דעם יאהרגאנג 1910, וועלכע וואוינען אין די גמינעס בעלדוב און ראמביען.

וועגען רעזערוויסטען-שטיצע

(ב) די מאכט האט אויפגעקלערט, אז נישט אלע גרופענע אויף מיליטער-איבונגען קאנען פאדערן אונטערשטיצונג פון מאגיסטראט. עס קאנען נישט בעקומען קיין שטיצע אזעלכע רעזערוויסטען, וועלכע זענען אוועק אויף די איבונגען, בעת זיי האבען געהאט א פאסטען, און די גאזשעס ווערען זיי נישט ארונטערגערעכענט.

אויף 5 הונדערט זל. שטראף

איז פערמשפט דער רעדאקטאר פון דער „פרייער טריבונע"

(2) דאס קרייז-געריכט האט נעכטען גע־משפט דעם פעראנטווארטליכען רעדאקטאר פון דער „פרייער טריבונע" אברהם שורעק פאר אפדרוקען אין דער צייטונג אנ'אנטי-מלוכה שען ארטיקעל. דאס געריכט האט פערורטיילט שורעק אויף 500 זל. שטראף אדער 6 וואכען ארעסט.

לאדזער יודישער קאמעראל-טעאטער
אלעע 1-טער מאי 2. געוו. ענגלישער זאל (פריש רעמאנטירט).
דירעקטאר: דוד צעלמייסטער.

גאסטשפילן פון דוד הערמאן-טעאטער
מיט'ן אנטייל פון פרעמיער פון דער ווילנער טרופע
יוסף קאמען

היינט, דינסטאג, דעם 2-טען יוני, 9 א זייגער אין אוונד
מאן, ווייב און רעוואלוציע
קאמעדיע אין 3 אקטען פון וו. קאטאיעוו.

מארגען, מיטוואך „שווער צו זיין א יוד" — פון — שלום-עליכם

ס'באטייליגען זיך: געוועזענע מיטגלידער פון דער ווילנער טרופע — אולרייך דוד, בירנבוים דוד, הירשפעלד זלמן, מעסינגער מיכאל, קעניג דינה, קורלענדער יעקב מיט דעם פרעמיער יוסף קאמען בראש, ווי אויך נערה רבקה, יחיאל ראקאוו, בת-שבע.

אינסצעניזאציע און רעזשי: דוד הערמאן. אדמינ. לייטער: א. גאריעלאוו.
בילעטען צו בעקומען אין קאנדיטאריי פון ה' ראשגאלד (פיעטריקאווער 38) און א גאנצען טאג אין דער קאסע פון טעאטער.

Kino-Teatr
Spółdzielnia
40 Sienkiewicza 40

היינט און פאלג. טעג!
גרויסער פוילישער עפאכע-פילם א. נ.
„פון טאג צו טאג"
דראמע פון דריי הערצער אויפ'ן גרונד פון דער פויליש-רוסישער מלחמה;
אין די הויפט-ראלען:
Irena GAWĘCKA, Marja GORCZYŃSKA, Adam BRODZISZ i in.

ארקעסטער אונטער לייטונג פון ה' ראפאל קאנטאר
אנהויב פון די סעאנסען 4 נאכמיטאג. אויפ'ן ערשטען סעאנס זענען די פרייזען פון אלע פלעצער צו 30 און 40 גר. אויף די איבריגע סעאנסען פון 40 און 80 גר. דער זאל איז גוט געקיהלט.
נעכסטער פראגראם: „שאמפאן" אין דער הויפט-ראלע: VIVIAN GIBSON

אַפּטייקען

היינטיגע נאַכט־דיזשורען.

י. קאַפּראַווסקי (נאָוואָמיעסקאַ 15), ס. טראַוואַקאָווסקי (בזשעזשינער 56), מ. ראָזענבוים (ציגעלנאַס 12), מ. באַרטאָשעווסקי (פּעטריקאָווער 95), י. קלופּטאַ (קאָנטנאַ 54), ל. טשינסקי (ראַקיטשינסקאַ 53).

אומגעקומען אַ קינד

אין אַ ביאָלאָגישען פּילטער

(2) אויף קאָזשעניאָווסקאַ 9 איז אומגעקומען אין ביאָלאָגישען פּילטער דאָס אַנדערטהאַלבעניאָהריגע יונגעלע יאַן וולאַדאַרטשיק.

דער אמת'ער קפיצת הדרך...

(א) די קאָלעיקעס, וואָס קורסירען צווישען לאָדז און אַלעקסאַנדער וועלען אין דער זומער־צייט פאַרשנעלערען זייער גאַנג אויף 5 מינוט, און זיי וועלען קורסירען אנשטאָט יעדע האַלבע שעה – יעדע 20 מינוט. די צוגען קיין טאָמאַשאָוו וועלען קורסירען יעדע 10 מינוט.

ווען אַ הויז איז געגליכען צו אַ מצה...

(2) דאָס הויז אויף גראַבאָווע 8, וואָס געהערט צו אַ געוויסען וואַלענטי יוזוויק, איז נעבעך קראַנק אויף עלטער־שוואַכקייט, און ס'קרישעלט זיך: עס פאַלען שטיקער ווענד, שטיקער באַלקאָן, שטיקער דאַך, הכלל, סע פאַלט שטיקערווייז... וואָלט עס קיינעם נישט געאַרט, ווען די פאַלענדיגע שטיקער טשעפּען קיינעם נישט, ווען זיי שעדיגען קיינעם נישט, איז אָבער די מעשה נישט אַזוי: עס טרעפט גאָר אָפט. אַז דאָס „אָפּפאַלעכץ" טרעפט אין די קעפּ פון לאָקאַטאָרען און פאַרבייגייער.

נעכטען האָט אַ שטיק באַלקאָן אַזוי מכבד געווען דעם דורכגייער מיקאָלאַי סאַוויצקי איבער'ן קאָפּ, אַז מ'האָט ארויסגערופען פאַגאָטאָוויע.

דער הער וואַלענטי האָט נאָך דערוויילע נישט בעקומען מיט אַ ציגעל איבער'ן קאָפּ און ער טענה'ט אַז ער איז גערעכט: די לאָקאַטאָרען צאָהלען שלעכט האָט ער נישט, נעבעך, מיט וואָס צו רעמאָנטירען דאָס הויז.

דונער דער'הרג'עט אַ מיידעל און פאַרברענט אַ הויז

(ב) פאַריגע נאַכט איז אַריין אַ דונער אין דער כאַטע פון קאַטאַזשינע ציל, אין דאָרף ניוקי, קאַלישער קרייז, וועלכער האָט דערהרגעט די שלאָפענדיגע טאָכטער פון דער כאַלעבאַסטע און פאַרברענט דאָס גאַנצע הויז.

זיך גע'סמ'ט אַ 60־יעריגער יוד

נעכטען 11 אויף דערנאַכט, האָט זיך אויף דער פּוסטע 13 גע'סמ'ט אַ געוויסער חיים פעלסנער (60 יאָהר אַלט). מען האָט איהם אוועקגעפיהרט אין פּאָזנאַנסקי'ס שפּיטאַל, וואו ער איז 3 בייגאַכט געשטאָרבען. „חסד של אמת" האָט זיך בעמיהט, אַז מ'זאָל דעם קערפּער נישט פּאַלמעסען.

אַמאָל אין אַ נאַווינע

גריפּע אין לאָדז

(א) אין משך פון די לעצטע דריי טאָג האָבען די קראַנקען־קאַסע־דאָקטוירים פאַרנאָטירט אַ רייהע פאַלען פון קראַנק־ווערען אויף גריפּע.

עס איז דעריבער כדאי צו דערמאָהנען, אַז דער ראַדיקאַלסטער פאַרויכערונגס־מיטעל געגען גריפּע־קאָמפּליקאַציעס איז אָפּהאַלטען זיך 1–2 טאָג פון עסען און אויסרוהען זיך אין בעט.

אוועקגעפאַלען פאַר הונגער

(א) אויף די טרעפּען פון פּעטריקאָווער 79 איז אוועקגעפאַלען פאַר הונגער די אַרבייטסלאָזע זאָפיאַ כאָינאַצקאַ (פון פּעטריקאָווער 92).

אַ ספּאָרט־פייערונג אין די יודישע גימנאַזיעס

די גימנאַזיעס פון פעראיין פאַר יודישע מיטעל שולען אין לאָדז אָרדנען איין מאָרגען, מיטוואָך, אַ גרויסע ספּאָרט־פייערונג פון זייערע שילערס און שילערינס. צעהן אַ זייגער אינדערפריה וועלען זיך די שילער און שילערינס פאַרזאַמלען אויף דעם שול־פּלאַץ אין דער אַנשטאַט־אַלעי (קעגענאיבער העלענאָוו) פון וואַנען זיי מיט די פעהנער און אָרקעסטערן וועלען אַדורכמאַרשירען דורך פּאָמאָרסקאַ פּילסודסקיעגאָ, פּולנאָצנאַ, נאָוואָמיעיסקאַ, פריי־הייטס־פּלאַץ, פּיעטריקאָווער, נאַרוטאָוויטשאַ, פּלאַץ דאָמבראָווסקי, צעגעלניאַנאַ, מאַגיסטראַ[illegible]

האַלב 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג וועלען פאָרקומען די ספּאָרט־איבונגען אויפ'ן ספּאָרט־פּלאַץ אין העלענאָוו.

ביי אַ שלעכט וועטער וועט די פייערונג אָפּגעלייגט ווערען אויפ'ן קומענדיגען מאָנטאָג.

די איינמעלדונגען

אויף מלוכהשער אונטערשטיצונג פאַר אַרבייטסלאָזע פיזישע אַרבייטער

(מ) דער אונטערשטיצונגס – אַמט פאַר אַרבייטסלאָזע ביים לאָדזער מאַגיסטראַט איז מודיע, אַז פון מאָנטאָג דעם 1 יוני האָט מען אָנגעהויבען אָנצונעהמען איינמעלדונגען פון אַרבייטסלאָזע, פיזישע אַרבייטער אויף דער דריגענדער מלוכהשער אונטערשטיצונג אויפ'ן חודש יוני.

רעכט צו בעקומען די אונטערשטיצונג האָבען:

1) אַזעלכע אַרבייטסלאָזע, וואָס האָבען משפּחות אויסצוהאַלטען, און וואויבען אין לאָדז ווענינגסטענס פון 1 יאַנואַר 1930; 2) וואָס האָבען די שטיצע אין חודש מאַי אָדער האָבען אויסגעשעפּט זייערע געזעצליכע אונטערשטיצונג פון אַרבייטס־לאָזען פאָנד אין חודש מאַי; 3) וואָס בעקומען און טערשטיצונגען פון דער קראַנקען־קאַסע; 4) וואָס בעקומען נישט קיין רענטע און אינוואַלידען־הילף; 5) וואָס האָבען נישט קיין פאַרמעגען און קיין שום שטאַבילע אָדער צייטווייליגע הכנסות וועלכע זענען גלייך אָדער איבערשטייגען די שטיצע.

די אונטערשטיצונג קאָן נישט בעקומען קיין אַרבייטסלאָזער, אויב אין דער ווירטשאַפטליכקייט, וואָס ער פיהרט, אַרבייט עמיצער פון זיין משפּחה, און האָט אַזעלכע הכנסות.

איינזאַמע האָבען נישט קיין רעכט אויף דער שטיצע.

דאָס אָננעהמען איינמעלדונגען קומט פאָר אין לאָקאַל פון אונטערשטיצונג־סאַמט (אורזשאָנד דאָשילקאָווי) אויף דער גאַס פון 28 פּולק פון קאַניאָווער שיסער נומער 32 פון אַ פערטעל 9 פריה ביז 2 אַ זייגער, לויט פאָלגענדען סדר:

דינסטאָג: K L Ł

מיטוואָך: M N O

פרייטאָג: P R S

שבת: T U W Z

די אַרבייטסלאָזע דאַרפען צושטעלען

1) אַ פערזענליכען דאָקומענט, אַ פּאַס, אָדער אַנ׳אַנדער פּאַפּיר, וואָס בעשטעטיגט די פּערזאָן, 2) אַ לעגיטימאַציע פון פּופּ מיט קאָנטראָל־שטעמפּלען; 3) אַ פערזיכערונגס־ביכעל פון'ם אַרבייטס־לאָזען, ווי אויך עווענטועל, פון די משפּחה־מיטגלידער, וועלכע וואוינען מיט איהם צוזאַמען און פיהרען איין ווירטשאַפט.

פון האַנדעלס־געריכט

דריי בעשטעטיגטע אָפּמאַכען מיט בעלי־חובות

דאָס געריכט האָט בעשטעטיגט דעם אָפּמאַך פון דער אַפּרעטור און פאַרבעריי „לעשנאַ" (לעשנאַ 39), מיט איהרע קרעדיטאָרען לויט וועלכען איהרע חובות ווערען רעגולירט אויף דרייסיג פּראָצענט צאָהלבאַר אין ראַטעס אין משך פון 2 יאָהר.

*

עס איז אויך בעשטעטיגט געוואָרען דער אָפּמאַך פון דער פּיראָנקעס־פאַבריק ידידיה לייכמאַן, לויט וועלכען די קרעדיטאָרען וועלען בעקומען 20 פּראָצענט פון דעם, וואָס ס'קומט זיי, אויסגעצאָהלט אין ראַטעס אין משך פון 18 חדשים. לייכמאַנען ווערט אויך צוריקגעקעהרט זיין סוחרישע ווירדע.

*

אויך דעם באַנקראָטירטען פראַנציזשעק טורסקי'ן, (פון גראַבאָווע 32) איז בעשטעטיגט געוואָרען דער אָפּמאַך מיט די בעלי־חובות, וועלכע ער דאַרף בעצאָהלען 30 פּראָצענט אין משך פון פופצעהן מאָנאַטען און איהם ווערט צוריקגעקעהרט די סוחרישע ווירדע.

פּאָליטישע אַרעסטען

(א) אין צוזאַמענהאַנג מיט די „זונטאָגדיגע פּראָטעסט־מיטינגען פון די מעקסטיל־אַרבייטער זענען אַרעסטירט געוואָרען:

מיכאל רובינשטיין (קילינסקאַ 47) יצחק רובין (מיצקעוויטש־גאַס 11) לעאָן גאָטליב (דוואָרסקאַ 22) יאָסעל קוטאָס (פּאָדזשעטשנאַ 6) יאַנקעל באַראַש (קאַלענבאַך 8) וואָלף פייגעלבוים (אַלעקסאַנדריסקאַ 13) לייב ווינטער (גלובנע 65) ישראל הילער (זגערזשער 64) זאָפיאַ טיבער (וואָזשינסקאַ 14) סענדער גאָרדאַטש (נאָוואָמיעסקאַ 44) רחל אורנשטיין (צימער־גאַס 11) דוד־גבריאל ניעפּאָניענטני (ריבנאַ 11) אהרן גרינדאַש (מלינאַרסקאַ 65) גיטעל בערנשטאָווסקאַ (פּאָמאָרסקאַ 53) און יהודה פּירלער (פּולנאָצנאַ 11).

מ'האָט ביי די אַלע דורכגעפיהרט געניויע רעוויזיעס, און איבערגעגעבען אין רשות פון דער געריכטליכער אויספאָרשונגס־מאַכט.

*

בעזונדער איז אויך אַרעסטירט געוואָרען דער 21־יעהריגער העלץ־אַרבייטער חיים בערגער (פראַנציזשקאַנער 36) ביי וועלכען מ'האָט געפונען קאָמפּראָמיטירענדע דאָקומענטען.

מחמת מסר'ן אין דער פּאָליציי

האָט מען איהם אָפּגעהיט און דערהרגעט

(2) יאַן קאָשיעוויטש, דער איינהאָבער פון אַ שפּייז־געוועלב אין שטשאַוויניאַ לעם בזשעזשין, האָט אויך בשתיקה אונטערגעהאַנדעלט מיט בראַנפען, און איינער פון זיינע הויפּט־אָפּנעהמער איז געווען אַ געוויסער וולאַדיסלאַוו גערשאַן, אַזוי ווי ער האָט איהם געמאַכט געזאַלצענע חשבונות, האָט גערשאָן איהם פערמסרט פאַר דער פּאָליציי. האָט מען קאָשיעוויטשען געמשפּט און פריי־געשפּראָכען. קאָשיעוויטשען האָט עס אָבער נישט בערוהיגט, און ער האָט בעשלאָסען זיך נוקם צו זיין אין גערשאָנען פאַר דער מסירה, וכך הוה — ער מיט זיין קאָלעגע בעכטע האָט איהם אָפּגעטשאַטעוועט, אַריינגענומען איהם אין אַ הויף, און אַזוי לאַנג גע־הרג'עט ביז זיי האָבען איהם דער'הרג'עט...

דאָס קרייז־געריכט האָט נעכטען געמשפּט די צוויי מערדער.

דער אורטייל וועט אַרויסגעטראָגען ווערען היינט.

אַ בלוטיג געיעג פון 2 ציקליסטען

(2) די צוויי ציקליסטען עדוואַרד קאָזלאָווסקי (באַנקאָווע 8) און סטעפאַן ריכטער (פּאַביאַניק, זאַמקאָווע 11) האָבען זיך נעכטען געיאָגט אויף זייערע ראָווערס. ס'איז געווען אַזאַ מין געוועט. ווען זיי זענען „געפלויגען" פּייל פון בויגען מיט דער זשגאָווער גאַס, און געהאַלטען ביים ענדיגען ס'געיעג, האָט זיך פּלוצים אַראָפּגעלאָזט דער שלאָבאַן ביים כאַינער באַהן אַדורכפאָהר. די ראָווערס זענען אויף שטיקער צושמעטערט געוואָרען, און דיביידע יונגעלייט זענען שרעקליך צו־ניזוקט געוואָרען, אַזוי אַז פּאַגאָטאָוויע האָט זיי קוים צונויפגעשטעלט...

אַנ'אַרטיקעל, וואָס האָט אויסגעפּעהלט אין לאָדז...

(ב) פון שבת אָן פיהלט זיך אַ מאַנגעל אין זאָדע־וואַסער: משמעות דער עולם „שפּור'ט" ציפּיל...

אַלע פאַבריקען פון זאָדע־וואַסער אַרבייטען אויף דריי שיכטען, און קאָנען נישט „נאָדאָנזשען" דעם גרויסען בעדאַרף.

אויך דער אַרטיקעל ליאָדעס בויגט אונטער די הענד, און ער איז ביליגער געוואָרען צוליב דער גרויסער קאָנקורענץ.

דערטרונקען געוואָרען אַ לאָדזערין

(2) נעכטען איז אין אוניעיאָוו דערטרונקען געוואָרען די לאָדזערין העלענאַ מאַיעווסקאַ (פון לערכעס 1). די דערטרונקענע האָט געליטען אויף נערוועזיזם פון האַרץ.

היינט און פאָלג. טעג!

אויפ'ן אַלגעמיינעם פערלאַנג פון ג' פּובליקום ווערט געגעבען דער פילם, וואָס פאַרכישופט דעם צושויער א. ז. ו.

ליבעס־פּאַראַדע

רעזשי: Ernest Lubicz

אין די הויפּט־ראָלען:

Janette Mac Donald

Maurice Chevalier

אָנהויב אין געוועהנליכע טעג 4.30 נאָכמיטאָג שבת, זונטאָג און יום־טוב 2,30 בייטאָג

פּאָפּולערע פּרייזען.

דער זאַל איז מעכאַניש ווענטילירט.

קופּאָן

אויף אַ יורידישער עצה

גילטיג מאָנטאָג דעם 1־טען יוני

אַ בעקאַנטער יוריסט ערטיילט יורידישע עצות פון 3 ביז 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג אין רעדאַקציע פון אונזער צייטונג, פּיעטריקאָווער 21.

אינטערעסאַנטען דאַרפען מיטברענגען דעם קופּאָן פון „נייעם פאָלקסבלאַט" – פון דעם זעלבען טאָג. –

ביי פאַרגיפטונגס־ערשיינונגען

אַרויסגערופען דורך פאַרדאָרבענע נאַהרונגס־מיטלען, בילדען די זאַפאַרדיגע אָנווענדונג פון נאַטירליכען ביטערוואַסער

Francis:ka Józefa

אַ מירקזאַם הילפס־מיטעל, צו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען און סקלאַד אַפּטעקאַרסקע.

מיטינג אויף טראַמוואַיאָוואַ גאַס

איז צוטריבען געוואָרען דורך פּאָליציי

(2) נעכטען האָט די פּאָליציי־מאַכט בעקומען אַ מעלדונג, אַז אויף דער טראַמוואַיאָוואַ גאַס אין קעניגסבערג'ס הויף קומט פאָר אַ נישט־דערלויבטער מיטינג פון אַרבייטסלאָזע קאָנפעקציע־אַרבייטער. פוס־און רייטער־פּאָליציי האָט גלייך דעם מיטינג אויפגעלעזט, אַרעסטירענדיג דרייסיג עטליכע פּערזאָן. אַ גאַנצען פאַרמיטאָג נעכטען איז די גאַנצע נאַרוטאָוויטש - גאַס פּאַטרולירט געוואָרען דורך שטאַרקע פּאָליציי־אָפּטיילונגען.

עקזאַמענס פאַר בעקער־מייסטער

אין דער האַנדוועקער־קאַמער זענען פאָרגעקומען די ערשטע עקזאַמינירונגס־קאָמיסיע פאַר בעקערס. דעם טיטעל מייסטער האָט בעקומען ה' וואָלף יצחק זאַקס אַלעקסאַנדריסקאַ 20.

פליישׁ- און בעקער־פּוהרען

וואָס דאַרפען זיך היינט צושטעלען צו דער מאַגיסטראַט־איבערזיכט

(מ) נעכטען האָט זיך אָנגעהויבען די איבערזיכט פון יאַטקע־ און בעקעריי־פּוהרען.

היינט דינסטאָג דאַרפען זיך צושטעלען צו דער איבערזיכט אויף וואָדני־רינעק (לעם פּאַרק „זשודליסקאַ") 10 אינדערפריה אַלע פּוהרען פון דעם מין, פון דעם 4, 5 און 6 פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט.

היינט — 2־טער אויפטריט פון כאָר דאַנאַ

היינט, דינסטאָג דעם 2 יוני 8,30 אָוונד קומט פאָר אין „פילהאַרמאָניע־זאַל" דער 2־טער אויפטריט פון בעריהמטען כאָר דאַנאַ און פון דזשאַז־אָרקעסטער (מצה - סימפאָניע־יאַז) אונטער דער ליידונג פון הענריק גאָלד און סט. פּעטערס בורסקי.

דער נעכטיגער אויפטריט פון די אויבענדערמאָנטע קינסטלער איז זעהר וואַרם אויפגענומען געוואָרען.

דער לאָדזער „אַרט" האָט פאַרענדיגט זיינע גאַסטשפּילען אין וואַרשאַ

(—) אונזער לאָדזער קאַמעראַל־ אוך קליינקונסט־טעאַטער „אַ־רט" האָט פאַרענדיגט זיינע ערפאָלגרייכע גאַסטשפּילען אין ווארשא.

די גאַנצע וואַרשאָווער פּרעסע האָט זיך מיט גרויס אנערקענונג און בעגייסטערונג אָפּגערופען וועגען דעם טעאַטער, און קוואַליפיצירט איהם אַלס די פריידיגסטע ערשיינונג אין דעם איצטיגען יודישען טעאַטער־וועזען.

אויך פאַר דעם וואַרשאָווער טעאַטער־פּובליקום איז דער „אַרט" געווען אַ גרויסע אָנגענעהמע איבעראַשונג, און זי האָט איהם בעשאָנקען מיט פיל האַרציגער אויפמערקזאַמקייט.

בסך הכל האָט דער „אַרט„ געשפּילט איין חודש צייט, און געוויזען איין פּראָגראַם.

נעכטען זענען די „אַרט"־ניקעס פאַרבייגעפאָהרען לאָדז, און היינט שפּילען זיי שוין אין קאַליש.

דעם זומער וועט דער „אַרט" גאַסטראָלירען אין די גרעסע'רע שטעט פון פּוילען: ביאַליסטאָק, ווילנע, קראָקאָ, לעמבערג א. אַ.

וואָס שייך דעם קומענדיגען סעזאָן איז נאָך נישט קלאָר בעשטימט, וואו ער וועט אוועקשטעלען זיינע געצעלטען: עס זענען דאָ דערווייל פאָרשלאַגען וועגען אוועקשטעלען זיך דעם סעזאָן אין וואַרשאַ און אין ריגע.

DR. MED.

L, Pikielny

אוראָלאָג

ספּעציאַל־אַרצט פאַר נירען, בלאָז און אורין־קראַנקהייט

NAWROT 8, tel. 2,19-90

נעהמט אָן פון 4–7 אָוונט.

זישא ברייטבארט'ס ברודער יאסעל איז אויך א גרויסער גבור

אין ניו־יארקער „פארווערטס" לייענען מיר:

אין רעדאקציע פון „פאראווערטס" איז נעכטען געקומען אַ גאַסט, אַ ברודער פון דעם פארשטארבע־נעם יודישען גבור זישא ברייטבאַרט. ער הייסט יאָסעל אָדער דזשא ברייטבאַרט און מיט זיינע גבורות און העלדישקייטען קען ער זיך פערגלייכען מיט זיין עלטערע' פערשטארבענעם ברודער.

יאָסעל ברייטבאַרט האָט אין רעדאקציע פון „פאַרווערטס" בעוויזען בלויז אַ פּאָר קונצען, קליי־ניגקייטען — ווי ער אַליין ערקלערט — אָבער פון די פּאָר „קלייניגקייטען" איז צו זעהען, אַז יאָסעל ברייטבאַרט וועט איבערשטייגען זיין ברודער, וועל־כער האָט זייער פאַמיליען־נאָמען בעריהמט גע־מאַכט.

ער האָט מיט זיך געבראַכט אַ קייט, אַן'אייזער־נע, יעדער שרייבער האָט ד יקייט בעטראכט און יעדער איינער האָט אויסגעפּרובירט זיינע כחות אויף איהר. קיין איין רינגעלע האָט זיך, אָבער נישט געריהרט פון אָרט.

דאַן האָט זי יאָסעל ברייטבאַרט אַ נעהם גע־טון אין האַנט, עס רעדט זיך, בלויז האַנט. עס איז אַ יד, אַ ריזיגע דאָלאָניע מיט פינף פינגער — שטאל. די קייט האָט אויפגעציטערט ווען דער יונגער גבור האָט זי אָנגעריהרט. יעדעס רינגעלע איהרס, קען מען שווערען, האָט אויפגעשוידערט.

„וואו ווילט איהר זאָל איך זי איבעררייסען"? — האָט ער געפרעגט דעם שרייבער פון די שורות.

דער שרייבער האָט ווידער בעטראכט די קייט און אָנגעוויזען אויף אַ רינג.

„אָט דאָ".

דזשאָ ברייטבאַרט האָט אַ קאַלטען קוק גע־טון אויף יענעם רינג און מען האָט געקענט בע־שיינפערלעך זעהען ווי דאָס בלוט איז איהר פער־קיהלט געוואָרען אין איהרע אייזערנע אָדערען. די אָרימע קייט האָט פערשטאַנען, אַז איהר סוף איז נאָהענט.

און אַזוי איז טאקע געווען.

מיט דער צווייטער האַנט האָט יאָסעל אַ כאַפּ געטון די אַנדער עק פון קייט, אַ דרעה געטון זי אויף צוריק ווי אַ שוחט, להבדיל, גיט אַ דרעה דאָס קעפּעל פון אַ הינדעל, און —

אַ צובראַכענע איז די קייט געלעגען ביים יונגען ריז אין די הענט. פון ערשטוינונג זענען די פער־דערען אַרויסגעפאַלען פון די הענט ביי די שרייבער „דאָס איז גאָרנישט. אפשר האָט איהר דאָ אַ פּאָר פּעקלעך קאָרטען?" — האָט ברייטבאַרט גע־פרעגט.

מען האָט אַרונטערגעשיקט אַ יונגעל קויפען צוויי טאַש קאָרטען. דער יונגערמאַן האָט אַרויפגע־לעגט די צוויי דעק קאָרטען איינע אויף די אַנדערע. אַ כאַפּ געטון די פּאַק מיט ביידע ידים און לאַנג־זאַם און מיט אַ קרעכץ האָבען די 104 קאָרטען אויס געהויכט זייער נשמה. ער האָט זיי צוריסען אויף צווייען.

אָט אַזוי האָט מיט טויזענדער יאָהר צוריק אַן'אַנדער יודישער העלד, שמשון הגבור, איבער־געריסען אויף דער העלפט דעם מעכטיגען פּיסק פון דעם לייב.

מען האָט דעם יונגען שעהנעם בחור גענומען בעטראכטען. קנאַפּע 6 פוס די הויך, ברייט־פּלייציג און גראַציעז אַזוי ווי אַ לעמפּערט אין די ווילדע וועלדער איז גראַציעז. זיין טראַט איז עלאַסטיש, עס פיהלט זיך זעלטענע גבורה אין זיין יעדען ריהר. אַן'אָפענער געזיכט, אַ קאָפּ שעהנע העלע האָר, און אַן'אונערשראָקענער, אויפריכטיגער בליק אין די אויגען.

אָט אַזוי האָט אויסגעזעהען זישא ברייטבאַרט. זישא איז געווען העכער. געהאַט ברייטערע פּליי־צעס, יאָסעל איז נאָך אָבער אַ יונגער בחור, בלויז 25 יאָהר אַלט. ער וועט נאָך שטייגען.

ער ווייזט אָבער קונצען נישט קיין קלענערע ווי זיין ברודער. ער לעגט זיך אוועק אויף די שפּי־צען פון אַ רייה צוועקעס און ביי איהם אויפ'ן ברוסט לעגט מען אוועק אַ בריק. אויפ'ן בריק פיהרט מען אַרויף אַ פּאָר פערד, אַ צעהנדליג מאַנ־סבילען, שטולען, טישען, פושקאַרטס, וואָס נאָר עס מאַכט זיך אונטער דער האַנט — און יאָסעל שמיי־כעלט:

„נאָך, נאָך, לעגט עפּעס אַרויף, אַז איך פיהל גאָרנישט".

ער האָט שוין אַזוי אויף זיין ברוסט אַ פּלאַט־פאָרמע מיט אַ גאַנצען אָרקעסטער.

אַן'אַנדער קונץ, וואָס דער יונגער ברייטבאַרט ווייזט, איז ווי פאָלגט:

ער בעהמט אָן מיט די ציינער אַ לאַנגע שינע פון אַ באַהן, אָדער אַזוי אַ שטאָלענעם שטאַנג. פינף מענשען הענגען זיך אָן אויף איין זייט פון דעם שטאַנג און פינף אויף דער אנדערער זייט, און אַזוי באַמבלען זיך אַ מין מענשען ביי איהם אַרום די ציינער. עס האָט שוין פּאַסירט אַז די שינע זאָל זיך אויסבויגען אַביסעל. מיט יאָסעל'ס ציינער האָט נאָך גאָרנישט פּאַסירט. ער האָט צוויי רייהען ווייסע געזונטע ציינער וואָס פערכאַפּען דעם אָטעם ביי אַ דענטיסט ווען ער גיט נאָר אַ קוק אויף זיי.

יאָסעל איז אַהער געקומען אויף אַ בעזוך צו זיין שוועסטער, וועלכע וואוינט אין אַסטאָריע, לאָנג איילענד, און צו זיינע דריי אָנקעלס. ער אַליין שפּילט מיט אַ טרופּע און רייזט אַרום איבער טעאַ־טערס פון אייראָפּאַ. ער האָט זיינע גבורות שוין געוויזען אין איטאַליען, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, פּוילען, עסטרייך, טערקיי, דער שווייץ, שפּאַניען, פּאָרטוגאַל, מאַראָקאָ, און פיל אַנדערע לענדער.

ווי געזאָגט, איז יאָסעל אַהער געקומען אויף אַ בעזוך צו זיין משפחה, ער וועט דאָ לאַנג נישט פערבלייבען. איידער ער פאָהרט אָפּ, וויל ער אָבער אויפטרעטען אויף אַ גרויסער פאָרשטעלונג, אַ צדקה פאָרשטעלונג פאַר אַ וואוילטעטיגען צוועק. אַ קינד פון פאָלק, נישט איבערגעשפּיצט, באמת גוט־האַרציג און אויפריכטיג. דערמאַנט ער יעדען איינעם אָן זיין ברודער, וועלכער איז פריהצייטיג אוועק פון דער וועלט.

נאַטירליך, האָט דער שרייבער געוואָלט וויסען פון וואַנען עס נעהמט זיך צו איהם די זעלטענע גבורה.

„עס איז אַ ירושה זאַך", ענטפערט יאָסעל ברייטבאַרט, איך היט זיך מיט מיין שפּייז. איך טרינק נישט קיין שום שנאַפּס אָדער וויין, איך רויכער נישט, איך וועל אייך אָבער זאָגען דעם אמת, איך ווייס אַליין נישט ווי עס קומט צו מיר, פון דער נאַטור".

ער רעדט אַביסעל ענגליש; ער רעדט דייטש און פראַנצויזיש און אַ גוטען פּוילישען יודיש. געקליידעט איז ער ווי אַן'אמת'ער פראַנט, מיט געשמאַק, נישט ראַשיג.

דער יונגער ברייטבאַרט איז אַ הייסער יוד, אַזוי ווי זיין ברודער איז געווען. פונדעסטוועגען טראָגט ער נישט דעם מגן דוד אויף זיין קאָסטיום. ער געהט נישט אַרויס, ווי זיין ברודער, מיט דעם העלען מגן דוד אויסגעניהט אויף די קליידער און אויסגעפּלאַכטען אויף דער פּלאַג.

וואָרום נישט? אויף דעם ענטפערט דער יונגער אַטלעט.

„דאָס האָט געטון מיין ברודער. עס איז ביי איהם אַרויס נאַטירליך. אפשר, ווען איך וועל עלטער ווערען, וועל איך עס אויך טאָן. ער איז גע־ווען דער נאַציאָנאַלער יודישער גבור. איך בין נאָך צו יונג פאַר דעם".

ער זאָגט עס איינפאַך און אויפריכטיג און מיט ווירדע. און די פּשוט'ע ווערטער רופען אַרויס אַ מאָדנעם דרך ארץ צו איהם, אַזאַ זעלטען־שעהנער האָט ער אַפּעלירט אַז מען זאָל איהם געבען אַ נייעם אַזוי מאָלט דער תנ"ך דעם אַמאָליגען העלד, שמשון הגבור.

נייער פאהר־פלאן פון די באהנען

גילטיג פון 15־טען מאי.

לאדזער פאבריקס־באהן

קומט אן:

2.26	פון קאָלושקי (פערב. מיט וואַרשאַ)
4.15	פון קאָלושקי
5.35	" "
6.55	" "
7.19	" "
7.34	" "
7.50	" "
8.37	" "
9.19	פון טשענסטאָכאָוו
9.55	פון קאָלושקי (מאָנטאָג און נאָך חגא)
10.27	פון קאָלושקי (פערבינדונג מיט וואַרשאַ)
13.02	פון קאָלושקי
14.47	פון סקאַרזשיסק (פערבינדונג וואַרשאַ)
16.10	פון וואַרשאַ (מיט רעסטאָראַן־וואַגאָן)
17.37	פון קאָלושקי (פערבינדונג וואַרשאַ)
19.59	פון קאָלושקי
20.45	פון וואַרשא
21.24	פון קאָלושקי (בלויז אין חגא־טעג)
22.02	פון קאָלושקי (בלויז אין חגא ־ טעג).
22.52	פון קאָלושקי
23.10	פון סקאַרזשיסק
23.42	פון קאָלושקי

פאהרט אפ:

0.35	קיין קאָלושקי
1.45	קיין קאָלושקי (פערבינדונג מיט וואַרשאַ)
2.45	קיין קאָלושקי (פערבינדונג טשענסטאָכאָוו)
5.50	קיין קאָלושקי (פערבינדונג וואַרשאַ)
6.50	קיין קאָלושקי
7.45	שנעל־צוג קיין וואַרשאָ
9.02	קיין קאָלושקי (זונטאָג און חגא),
9.50	קיי סקאַרזשיסק
10.56	קיין קאָלושקי
11.35	קיין קאָלושקי (פערבינדונג מיט וואַרשאַ)
13.58	קיין קאָלושקי (פערבינדונג מיט וואַרשאַ)
15.05	קיין קאָלושקי
15.25	סקאַרזשיסק
16.05	קיין קאָלושקי (פערבינדונג טשענסטאָכאָוו־קאַטאָוויץ)
16.55	קיין קאָלושקי (פערבינדונג וואַרשאַ)
17.50	קיין קאָלושקי
18.30	קיין קאָלושקי (פערבינדונג וואַרשאַ)
19.10	שנעלצוג קיין וואַרשאָ מיט רעסטאָראַן
19.30	קיין קאָלושקי
20.20	קיין קאָלושקי
21.20	קיין קאָלושקי (פערבינדונג קאַטאָוויץ)
21.55	קיין קאָלושקי (פערבינדונג וואַרשאַ)

קאלישער באהן

קומט אן:

0.21	פון פּויזען
1.00	פון וואַרשאַ
3.39	שנעל־צוג וואַרשאַ
3.43	שנעל־צוג פון ווראָצלאַוו (דורך לעשנא־אָסטראָוו)
4.17	פון קוטנאָ, פּלאָצק
4.49	פון אָסטראָוו־ווילקאָפּ.
5.25	פון הערבי נאָווע—קאַטאָוויץ (דורך זד. וואָליאַ)
6.21	פון קראָקאָ—קאַטאָוויץ
7.10	פון לאָסק (אין וואָכענטעג)
7.30	שנעל־צוג פון פּויזען—בערלין
7.35	פון לאָוויטש
8.05	פון קוטנא—גדיניע (פּלאָצק)
8.47	פון אָסטראָוו ווילקאָפּ.
9.15	פון לעמבערג (שלאָף־וואַגאָן 3. קלאַס)
9.22	שנעל־צוג פון וואַרשאַ
10.55	פון לאָסק (זונטאָג)
11.30	פון וואַרשאָ
12.15	פון פּויזען
12.52	פון קוטנאָ—פּלאָצק
15.30	פון לאָסק
17.54	פון פּויזען
18.50	פון קאָלושקי
19.40	נאָווע־הערבי טשענסטאָכאָוו (זד. וואָליאַ)
19.45	פון קוטנאָ—פּלאָצק
20.20	שנעלצוג בערלין—פּויזען
21.34	פון וואַרשאָ (שלאָף און רעסטאָראַן־וואַגאָן
21.48	פון לאָסק (פרייטאָג, שבת זונטאָג, חגאות)

22.28	פון קוטנאָ—פּלאָצק

פאהרט אפ

0.32	קיין קוטנאָ—פּלאָצק
0.42	קיין הערבי־נאָווע—קאַטאָוויץ (זד.־וואָליאַ)
1.18	קיין אָסטראָוו—לעשנא
2.47	שנעלצוג קיין ווראָצלאַוו (דורך אָסט. ...)
3.51	שנעלצוג קיין וואַרשאָ
5.04	קיין וואַרשאָ
6.40	קיין פּויזען
7.38	שנעלצוג קיין וואַרשאָ
8.35	קיין קאָלושקי
9,05	קיין לאָסק (קאָלומבי)
9.35	שנעלצוג קיין פּויזען
9.45	קיין קוטנא
11.45	קיין פּויזען
12.25	קיין קוטנאָ
13.10	שנעלצוג וואַרשי
13.40	קיין לאָסק
15.10	קיין פּויזען
15.20	קיין קוטנאָ—פּלאָצק
15.35	קיין לאָוויטש
17.40	קיין נאָווע־הערבי טשענסטאָ
18.10	קיין וואַרשאָ
19.35	קיין אָסטראָוו—ווילקאָפּ
20.00	קיין לאָסק
20.25	קיין לאָוויטש
20.42	קיין לעמבערג (פערבינדונג בודאַפּעשט)
21.42	שנעלצוג פּויזען—בערלין (שלאָף־וואַגאָן)
22.00	קוטנע (פּלאָצק) גדיניע
22.55	קיין קאַטאָוויץ—קראָקאָ

דער „פוילישער שטערן"

39) סענסאציאנעלער ראמאן פון דעם וועלט־קריג

דער קאָמענדאַנט האָט אויסגעשטרעקט צו מערין די האַנד, און זיך גלייך דערנאָך פערטיפט אין דער אַרבייט, פערגעסענדיג אינגאַנצען, אַז זי עקזיסטירט אויף דער וועלט.

דריי פערטעל פינף, אין דעמזעלבען טאָג איז מערי געווען ביים טויער פונ'ם „מיהל־הויז".

עפענדיג דאָס טויער, איז זי אַריין מיט דער אַלעע צו די אַריינגאַנג־טרעפּלעך, און זי האָט קוים בעוועגט מיט די פיס, פאַר דער בלאַטע, וואָס האָט זיך צוגעקלעבט צו די שיך: פון וואָגזאַל איז זי געקומען צופוס.

עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען טונקעל, ווען מערי איז אַריין אינ'ם הויף פון בעלפאָרדס הויז.

דער טרויעריגער, אומגאַסטפריינדליכער פּיי־זאַזש האָט אין איהר געוועקט עפּעס אַן'אומרו־היגקייט.

דער געדאַנק אָבער וועגען דעם, אַז זי וועט זיך דאָ טרעפען מיט האַרי אָקוויטע, וועלכער האָט געמאַכט אויף איהר דעם איינדרוק פון אַ מוטיגען און דרייסטען מענשען האָט זי שטאַרק אויפגעמונטערט.

אַרויפגעהענדיג אויף די טרעפּלעך, האָט זי אַ ציה־געטון דעם גלעקעל.

אין הויף איז געשטאַנען אַ טויטע שטיל־קייט. ס'האָט זיך נאָר געהערט, ווי פון דער נאָ־הענטען ערגעץ, פון גאָרטען האָט געררוישט דאָס טייכעל.

מיט אַ נערוועזער בעוועגונג האָט דאָס מיידעל ווידער אַ ציה געטון ביים גלעקעל.

פון שטוב האָט זיך קיינער נישט אָפּגערופען. מערי האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַן'עלעקטריש לעמפּעל און בעטראַכט ד יטיר מיט'ן שלאָס, און, אַרונטערגעהענדיג פון די טרעפּלעך, האָט זי מיט אַ בליק בעטראַכט די פענסטער: אין די פענסטער איז געווען פינסטער.

זי האָט אַ קלונג געטון צום דריטען מאָל: דער קלונג האָט אָפּגעהילכט אין דעם פוסטען הויז, און אויף מערין איז אָנגעפאַלען אַ פּחד:

„וואָס איז געשעהן מיט מאיאר אָקוויט"?..

זי האָט געוואוסט, אַז האַרי האָט בעקומען אַ בעפעהל נישט צו פערלאָזען דאָס הויז, טאָ וואו זשע איז ער אַהינגעקומען?

ער איז דאָך נישט פון די מענשען, וואָס מאַ־כען זיך גאָרנישט פון בעפעהלען.

אויב ער איז איצט נישטאָ אין דערהיים, הייסט עס, אַז מיט איהם האָט עפּעס פּאַסירט... צי האָט מען איהם נישט דער'הרג'עט?

מערי האָט אַזש אַ וואָרף געטון פאַר שרעק.

אָנכאַפּענדיג דאָס הענטעל פון גלעקעל, האָט זי מיט כוח 'עטליכע מאָל אַ ציה געטון...

הינטער דער טיר האָט היסטעריש אַ ציטער געטון דאָס גלעקעל, און אין אַ ווײַלע אַרום איז אין שטוב ווידער געוואָרען טויט־שטיל.

מערי האָט זיך גענומען צו קלאַפּען מיט די פויסטען אין דער טיר אַריין.

אַרום איז אַלץ געבליבען שטיל, ווי פריהער...

— גאָט מיינער, — האָט דאָס מיידעל אַרויס־געשעפּטשעט — וואָס האָב איך דאָ אַזוי מורא?!..

דער מאַיאָר אָקוויט געהער דאָך נישט צו די מענשען, וואָס לאָזען זיך נעהמען מיט די בלויזע הענד... ער האָט מסתמא געמוזט אַוועק וועגען אַ דרינגענדער זאַך, האָט די דינסט אַוודאי אויסגע־נוצט די געלעגענהייט און איז אויך אַוועק... מילא, מערי טייערע, וועסטו זיך מוזען נעבעך מטריח זיין און געהן צוריק צופוסענס אויפ'ן וואָגזאַל.

פרייליין קווייטמאַן איז אַרונטער פון די טרעפּ־לעך, און אָנטאַפּענדיג מיט'ן עלעקטרישען לעמפּעל דעם וועג אינ'ם נעפּעל, איז זי צוגעקומען צום טויער.

אויפ'ן וועג איז דער נעפּעל געווען נאָך גע־דיכטער, ווי אין גאָרטען.

זי האָט נאָך נישט בעוויזען צו מאַכען עט־ליכע שריט, ווי זי האָט דערפיהלט, אַז זי האָט פערלוירען די ריכטונג:

דער טויער, דער פּאַרקאַן, די דערביי־איגע ראָווען — אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעמישט.

אַרום איהר איז געשטאַנען אַ מין געדיכטע מילך־וואַנד.

עס איז גאָר קיין דמיון נישט געווען אָנצוּ־שטויסען זיך, אין וואָס פאַר אַ זייט מען דאַרף דאָ געהן, כדי צוצוקומען צום וואָקזאַל, אָדער צום נאָהענטסטען דאָרף.

אָנטאַפּענדיג מיט די פיס דעם ברוקירטען שאָסעי. אָנשטויסענדיג זיך און אַריינפאַלענדיג אין קאַלוזשעס, איז מערי ווייטער געגאַנגען, נישט וויסענדיג וואוהין זי געהט.

זי האָט געדענקט, אַז אויפ'ן וועג פון וואָק־זאַל האָט זי אַ פיר־הונדערט שריט אַן'ערך פון דעם „מיהל־הויז" אַ וועג־סלופּ. זי האָט שוין אָבער ד יפיר הונדערט שריט לאַנג אָדורכגעמאַכט, און אויף קיין סימן סלופּ האָט זי נישט אָנגעטראָפען.

מערי האָט דאַן פערשטאַנען, אַז זי האָט זיך פערבלאָנדזשעט.

אויפ'ן האַנד־זייגער האָט זי געזעהן, אַז זי איז שוין אין וועג אַ שעה צייט: ווען זי וואָלט געגאַנגען מיט'ן ריכטיגען וועג וואָלט זי שוין פון לאַנג געווען אויפ'ן וואָקזאַל.

שוין־זשע האָט זי זיך די גאַנצע צייט אַרומ־געדרעהט אויף איין אָרט?...

אומגעריכט האָט אינ'ם נעפּעל אַ בלינצעל גע־טון אַ שוואַכער ליכט־שטראַל.

מערי איז אוועק אין דער ריכטונג צו דעם ליכט, אַ זיכערע אַז זי האָט קיין טעות נישט.

זי האָט נישט בעוויזען צו מאַכען קיין צוויי שריט, ווי זי איז געבליבען שטיין פאַר אַ לאַנגען מויער.

דאָס ליכט האָט זיך אַרויסגעקריגען פון דעם הויז דורך דער אָפענער טיר.

אַן'אויסגעמאַטערטע פּנים'ם לאַנגען אַרומבלאָנד־זשען אין נעפּעל, אַדורכגענעצטע און פערפרוירענע האָט דאָס מיידעל נישט טראַכטענדיג איבערגעטרעטען די שוועל פונ'ם הויז.

דאָס הויז איז געווען אַ קרעטשמע.

דער זאַל איז געווען העל בעלויכטען פון אַ באַפּט־לאָמפּ, אָבער קיינער איז אין איהם נישט געווען.

ווי נאָר מערי האָט זיך מיד אַראָפּגעלאָזט אויף דער הילצערנער באַנק, האָט זיך געעפענט די טיר, און פון דער הינטערשטער וואַנד האָט אַרויסגעקוקט אַ מאָדנע בעקאַנט פּנים...

— גוטען אָוונד! — האָט זיך מערי אָפּגערו־פען — איך האָב פערבלאָנדזשעט אין נעפּעל, און איך בין אינגאַנצען אַדורכגענעצט... קען איך דאָ ביי אייך אויסטריקענען מיינע שיך און זאָקען, ביז איהר וועט מאַכען פאַר מיר טיי? איך....

— באַלד.... איך וועל זאָגען דעם הער רייס! — האָט געענטפערט אַ דערשראָקענער קול, און דאָס פּנים אי ןדער טיר איז פערשוואונדען.

— וואו האָב איך געזעהן די דאָזיגע פרוי?— האָט מערי אַ טראַכט געטון, צוגייענדיג צום טשוגונענעם אייוועלע, ס'פּנים איז געווען אַן'אוּנ־אַנגענעהמס....

פלוצים האָט זיך מערי דערמאָהנט.

איהרע געדאַנקען אָבער האָט איבערגעשלאָגען אַ שאַרף־שניידיגע שטים הינטער איהרע פּלייצעס.

זי האָט זיך אומגעקוקט, און דערזעהען אינ־מיטען צימער די טענצערין נור־על־דין.

(פּאָרזעצונג קומט).

די מאמע האט געשריבען א בוך, ווי צו ערציהען קינדער
און איהר בן יחיד איז געהרג'עט געווארען אלס רויבער

(בריף פון אמעריקא)

דער טראגישער סוף פון דעם ניו־יארקער יונגערמאן, ראי סלאאן, ברענגט ארויף אויף טרויעריגע געדאנקען. ער שטאמט פון א געבילדעטער פאמיליע. זיין מאמע איז א קינסטלערין און א שרייבערין, און דאך איז ער געווארען א רויבער און איז געטויט געווארען פון דער אונטערוועלט, פון זיינע פערברעכערישע חברים.

נאכמעהר, זיין מאמע האט אנגעשריבען א בוך, וואס רופט זיך: „ווי ערציהען קינדער“. זי גיט דארט עצות צו עלטערען ווי צו פיהרען קינדער אויף א גוטען וועג. און אט איז די קאמישקייט פון לעבענס־שיקזאל: זי אליין האט איהר אייגען קינד נישט געקענט פיהרען און אנהאלטען אויף א ריכטיגען וועג. וויפיל זי האט זיך נישט געמאטערט איז עס איהר נישט געלונגען צו ערציהען איהר בן־יחיד. ער איז געווארען א רויבער. אמת, זי פרובט נאך אלץ לייקענען, אז איהר קינד איז געווארען א רויבער, זיוהכט צו בעשיצען זיין נאמען. זי טענה'ט, אז דא איז עפעס פארגעקומען א טעות, אבער דאס זענען בלויז געפיהלען פון א מאמען. דער אמת איז, אז ראי סלאאן, וואס האט אמאל גע'שם'ט ווי א וואונדער־קינד איז געווען אנ'אויטאמאביל־גנב, און איז ערמארדעט געווארען און רויבער.

ער האט געהאט א גוטער היים, געוואוינט ביז דער לעצטער מינוט מיט דער מאמען, ער האט געהאט א גוטען קאפ, האט זיך גוט געלערנט און געקראגען א גוטע ערציהונג, און דאך איז ער אראפ פון גלייכען וועג.

מיט א יאהר פינף צוריק איז זיין נאמען ערשינען אין דער פאליצייי, ער איז בעשולדיגט געווארען אין עפעס א שווינדעל. דערנאך איז זיין נאמען ווידער ערשינען אלס אויטאמאביל־גנב. דאן איז ער פערשיקט געווארען אין סינג־סינג. די מאמע האט איהר קינד אלץ געזוכט צו בעשיצען, רייניגען זיין נאמען, זי האט גע'טענה'עט, אז ער האט נישט גע'גנב'עט קיין אויטאמאבילען, נאר ער האט געקויפט אויטאמאבילען, אבער עס זענען געווען שטארקע בעווייזען געגען איהם. אזוי יאיז ער פערשיקט געווארען אין סינג־סינג.

דער וואונדער־קינד איז טורמע פאר גנבה! ס'איז געווען א סענסאציע. די מאמע א שרייבערין, א קינסטלערין, דער טאטע א גל"ח, א רעדנער, און דער זוהן — א רויבער!

מיט א יאהר צוריק האט ראי, דער פעהיגער יונגערמאן ווידער איבער־ראשט אלעמען. זיצענדיג אין תפיסה האט ער שטודירט אויף אדוואקאט. דאן האט ער אפעלירט אז מען זאל איהם געבען א ביי'ם פראצעס. ער האט אויפגעזוכט נייע בעווייזען און דער סוף איז געווען, אז ער האט אויסגעפיהרט.

ווען ער איז ערשינען פאר'ן געריכט האט ער זיי איבערראשט מיט זיינע גלענצענדע רעדעס. ער האט זיי בעוויזען, אז די פריהערדיגע בעווייזען געגען איהם זענען גארנישט ווערט. און אט אזוי האט ער בעוויזען נאך א וואונדער און איז בעפרייט געווארען פון סינג־סינג.

ס'האט צו יענער צייט געקלונגען מיט דעם יונגענמאן, וואס איז נאר געווארען אנ'אדוואקאט זיצענדיג אין סינג־סינג.

ביים ארויסגעהען פון טורמע האט ער געזאגט צו זיין מאמען: „ס'קען זיין, אז איך האב ערגעץ געטאן נישט קיין גוטע זאכען, אבער פון איצט אן וועל איך זיין גוט און פרום“.

אלע האבען געמיינט, אז ראי סלאאן איז רעפארמירט געווארען, איז געווארען א מענש.

ס'איז אוועק א שטיקעל צייט. די מאמע זי'ע האט דערווייל אנגעשריבען נייע ביכער. אין איין בוך רעדט זי טאקע וועגען דעם, ווי אזוי א מענש קען פון זיך ארויסרייסן שלעכטע נייגונגען, שלעכטע געוואוינהייטען.

זי האט געוויס געמיינט אז דער זוהן איז שוין איצט איהרער.

אבער ער איז נאך אלץ נישט געווען איהר זוהן, איהם האט געצויגען צו דער אונטערוועלט.

דאס איז געווען מיט עטליכע חדשים צוריק. אין מיטען פון דער 5־טער עוועניו האבען געוואגטע רויבער געפרובט מאכען אנ'אנפאל אויף א יובעליר געשעפט. ס'איז געווארען א טומעל. פאליציי האט ארומגערינגעלט א גאנצע גאס און בעזוכט, אויסגעפרעגט יעדען איינעם, וואס האט זיך דארט געפונען, צווישען דעם פערהאלטענעם עולם איז אויך געווען א שעהן־געקליידעטער יונגערמאן, וואס האט גע'מאכט געוואלדען. לאזט בעסער ארויס, איך דארף לויפען, שנילער, וואס באדערט איהר זיך אזוי לאנג!“ די גוואלדען פו ןדעם יונגענמאן זענען נישט געפעלען געווארען דער פאליציי. מען האט איהם אוועקגעפיהרט אן א זייט און גענומען אויספרעגען ווער ער איז. ער האט אנגעגעבען א געוויסען נאמען, אבער באלד האט מען אויסגעפונען דאס ער בלאפט. ער איז גאר דער גוט בעקאנטער „וואונדער־קינד“, ראי סלאאן! ס'איז געפאלען א חשד אויף איהם, דאס ער האט געהאט צו טון מיט'ן אנפאל, די אנדערע רויבער זענען אנטלאפען און מען האט פון איהם געוואלט אויסגעפינען ווער זיי זענען.

אבער ער האט געלייקענט שטיין און ביין. ער ווייסט נישט פון קעפעס צו זאגען. ער האט זיך פעסט געהאלטען ביי זיינס, דאס ער האט מיט דער רויבעריי גארנישט געהאט צו טון. זיין תירוץ איז געווען, אז ער האט זיך געהאט אנגעטון צו געהען אין טעאטער און איז געקומען אהער צו טרעפען א בעקאנטע מיידעל.

די פאליציי האט אבער שוין געהאט א שטארקען פערדאכט אויף איהם. דאן איז ער ארויסגעלאזט געווארען אויף 20 טויזענט דאלאר קויציע.

די מאמע האט דאן געזאגט: „גוואלד, וואס ווילען זיי האבען פון מיין קינד! ? ער איז שוין גוט און פרום און מען טשעפעט זיך אלץ צו איהם“.

ס'איז נישט קלאר צי זי האט אלץ גערעדט אזוי ווייל זי האט סתם, ווי יעדע מאמע, געוואלט פערדעקען די זינד פון איהר קינד, אדער זי האט טאקע געלעבט אינטער א פאלשען איינדרוק, ווער ווייס, אפשר האט ער מיט זיין גלאט ציבגעל אויך בעוויזען צו פערדרעהען דער מאמען זייבער א קאפ.

דא מיט א פאר טעג צוריק איז דער „וואונדער־קינד“ אוועק פון דער היים שפעט אין אווענד און געזאגט דער מאמ'ען, אז ער וועט זיין צוריק ארום 12 ביינאכט. ער איז געפאהרען אין אנ'אויטאמאביל, וואו ער האט פערבראכט דעם גאנצען אווענט, ווייסט מען נישט. נאר ארום 1 א זייגער ביינאכט איז ער אנגעקומען אויף דיקמאן סטריט, נומער 251 האט ראם א ווילע פערבראכט מיט 4 אומבעקאנטע לייט זיי זענען דאס געווען זיינע מערדער, זיי האבען איהם פערנארט צום טויט.

די 5 האבען צוזאמען געטרונקען עפעס און גערעדט צווישען זיך. דאן האבען זיי זיך אויפגעהויבען און ארויסגעגאנגען.

אין דער געגענט ארום איז געווען שטיל. איבער'ן וועג איז געשטאנען א טעקסי.

פון דעם וועג, וואס ביים טייך האט דאן פאמעליך גענומען אנקומען א פערמאכטער אויטאמאביל. ווען דער אויטאמאביל איז צוגעקומען נאהענט האט זיך אנ'עפען געטון א טירעל פון אויטאמאביל און מען האט פון דארט גענומען שיסען אויף סלאאן'ען, דריי קוילען זענען אין איהם אריינגעשאסען געווארען.

דער אויטאמאביל האט זיך באלד אפגעטראגען. אויך די אנדערע פיר זענען באלד נישט געווארען.

סלאאן איז נאך א פערוואונדעטער אפגעגאנגען א 150 טריט. דאן איז ער געפאלען און מיט א שעה שפעטער איז ער געשטארבען אין שפיטאל.

איצט קלערט מען: צוליב וואס מען האט איהם געטויט. מען דענקט, אז ער האט געהאלטען ביים ארויסגעבען די נעמען, פון די אנטיילנעמער אין דעם אנפאל. מען דענקט אויך, אז ער האט זיך מיט זיינע חברים עפעס נישט צוטיילט ריכטיג מיט'ן געלט פון גע'גנבע'טע אויטאמאבילען. עס קען אויך זיין, אז ליבע איז דא פערמישט. ליבע, מיידלעך, אייפערזוכט. ס'איז שווער צו דערגעהען פארוואס, עס איז אבער קלאר, אז געטויט איז ער געווארען פון דער אונטערוועלט, איז געפאלען א קרבן פון זיינע אייגענע פערברעכענס.

די מאמע האט געשריבען א בוך: „ווי צו ערציהען קינדער“ און איהר אייגענער זוהן איז געשטארבען א רויבער.

א. פ—ס.

אנ'אנפאל פון אנ'אראבישער באנדע גנבים אויף יוד. קאלאניעס

ירושלים (יט"א) א באנדע אראבישע גנבים איז בעפאלען א יודישע קאלאניע אין וואדי־האוואריט מיט'ן צוועק דורכצופיהרען א רויב־אנפאל. די אנפאלער האבען געשאסען צום אראבישען שומר פון דער קאלאניע, מאכענדיג איהם שווערע וואונדען. עס איז באלד דורכגעפיהרט געווארען אנ'אבלאווע אין רעזולטאט פון וועלכער צוויי פון די באנדיטען זענען געווארען פערהאלטען און איבערגעגעבען אין רשות פון דער פאליציי.

Prywatne POGOTOWIE LEKARSKIE
ZIELONA 6,
Telefon 12-333
tel. 12-333
tel. 12-333
...ערשטע דרינגענדע ערצטליכע הילף אין אלע פלוצימדיגע פארפאלען צו יעדער צייט
...בייטאג און ביינאכט ווי אויך אין אלע אקושעריע און גינעקאלאגישע הילף.

יודישע מעדיצין־דאקטוירים אין פוילען

ווארשא, (י.ט.א.) אין לעצטען נומער פון די ווילנער „יווא־בלעטער“ פערעפענטליכט דער סעקרעטאר פון דער עקאנאמיש־סטאטיסטישער סעקציע פונ'ם יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט יעקב לעשטשינסקי אינטערעסאנטע ציפערען וועגען דער צאהל יודישע מעדיצין־דאקטוירים אין פוילען און זייער פערטיילונג אין פערשידענע וואיעוואדזטוועס.

אינ'ם יאהר 1926/27 זענען אין פוילען געצעהלט געווארען סך־הכל 7310 מעדיצין־דאקטוירים, פון וועלכע נאר 5775 האבען אנגעגעבען ידיעות וועגען זייער רעליגיע. פון די דאזיגע 5775 זענען 1965 אדער 33,5 פראצ. געווען יודען. עס איז אבער פערהאן א גענוגענדער גרונד אנצונעמען, אז דאס רוב פון די 1535 דאקטוירים, וועלכע האבען זייער רעליגיע נישט אנגעגעבען, זענען אויך יודען. אזוי ארום וועט דער פראצענט יודען צווישען די מעדיצין־דאקטוירים אין פוילען זיין א סך העכער פון 33 פראצ. פון די יודישע דאקטוירים האט בלויז א קליינער פראצענט אנגעגעבען, אז זיי געהערען צו דער יודישער נאציאנאליטעט, ס"ה 673 פון 1965, ד. ה. נישט מעהר ווי 34,2 פראצענט. צוויי דריטעל פון די יודישע דאקטוירים, וועלכע לייקענען נישט, אז זיי זענען יודען לויט רעליגיע, ווילען נישט אנערקענען זייער אנגעהעריגקייט צו דער יודישער נאציע. ווען מיר זאלען נאך נעהמען אין אכט די 1505 דאקטוירים, וועלכע האבען אויף דער פראגע „נאציאנאליטעט“ נישט געענטפערט און וואס א זעהר גרויסער חלק פון זיי זענען געוויס יודען, וועט דער פראצענט אס מילירטע צווישען די יודישע דאקטוירים אין פוילען זיין א סך גרעסער פון צוויי דריטעל. דער צענטער פון דער אסימילאציע ליגט אין געוועזענעם קאנגרעס־פוילען: 95 פראצ. פון אלע דאקטוירים, וואס האבען נישט אנגעגעבען זייער רעליגיע און וואס צוויי דריטעל פון זיי זענען זיכער יודען, געפינען זיך בלויז אין די מיער וואיעוואדזטוועס — ווארשאווער, לאדזשער, קעלצער און לובלינער.

דעם גרעסטען פראצענט יודישע דאקטוירים גיט גאליציען. אין איינציגע וואיעוואדזטוועס פון גאליציע מאכען די יודען אויס די אבסאלוטע מעהרהייט: אין סטאניסלאוואווער וואיעוואדזטווע 76,3 פראצ. און אין טארנאפאלער וואיעוואדזטווא 65,5 פראצ. פון אלע דאקטוירים. דעם מינימום האבען די יודען אויסגעמאכט אין די געוועזענע טיילען פון דייטשלאנד: אין פאמערן — 4,1 פראצ. און אין פויזען — 8,8 פראצ. אין קאנגרעס־פוילען גיט די לאדזשער וואיעוואדזטווא דעם גרעסטען פראצענט — 55,5 פראצענט. אין אלע אנדערע וואיעוואדזטוועס פון קאנגרעס־פוילען, א חוץ ביאליסטאקער, וואו די יודען מאכען אויס 37,3 פראצ. צווישען די דאקטוירים, האבען די יודען אויסגעמאכט ווייניגער פון א דריטעל.

Dr. Z. Rakowski
פאר אוירען־, נאז־, האלז־ און לונגען־קראנקהייטען
9 קאנסטאנטינער 9 טעלעפאן 127-81
שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אן
אין לעמשניצע זאמרושער 17 פון 10 — 11 און פון 3—5

ר. איזראעל

ליבע און טויט

סענסאציאנ. ערצטי'שער ראמאן פון לאדזשער לעבען

(25

איינער פון די אנפאלער, וועלכער איז ארויס פון נירענבערגס צימער מיט סאניען האט זיך מיט איהר אריינגעזעצט אין א טאקסיבקע און אנגעגעבען דעם שאפער אנ'אדרעס וואהין ער האט צו פאהרען.

דער שאפער איז אוועקגעפאהרען און סאניע האט זיך צוגעטוליעט פון שרעק צום ווענטעל פון אויטא.

— פריילין גינזבורג, האט זיך פלוצלונג אנגערופען איהר בעגלייטער, שוין מיט א גאנץ אנדערער שטים. איצט דעם קאפ אין דער הויך, דאס שפיל איז זעהר גוט געלונגען.

— ווער זענט איהר, האט סאניע געפרעגט.

— איהר דערקענט מיך נאך נישט. איך האב דאך אייך געזאגט, אז איך וועל נישט דערלאזען, אז ס'זאל אייך אימיצער אנ'עוולה טון, ביז איך וועל מיין ציל דערגרייכען.

— הער דעטעקטיוו עריליי, האט סאניע אויסגעשריגען: ערשט איצט האב איך אייך דערקענט לויט הער שטים, אבער ווי קען מען זיך אזוי ענדערען לויט'ן אויסזעהען, לויט די מלבושים און לויט דער שטים.

— דאס איז אונזער פאך פריילין גינזבורג.

— און איך האב ציטערנדיג אזויפיל שרעק

— מיר פאהרען איצט צו מיר אהיים, וועט איהר זיך אביסעל אויסרוהען און איך וועל זיך א בעהם טון איבערצוקוקען נירענבערגס דאקומענטען וואס ליגען אין טייסטער וואס איך האב ביי איהם צוגענומען, און פאר וועלכע זעהט אויס, ער האט מעהר מורא געהאט ווי פאר'ן געלד וואס ער האט אונז געגעבען.

דער אויטא האט זיך אפגעשטעלט. עריליי האט געהאלפען סאניען אויסשטייגען פון אויטא און זיי זענען ביידע ארויף אין דער וואוינונג פון דעטעקטיוו.

— ענטשולדיגט מיר אויב איך פרעג אייך, ווער איז דער צווייטער מאן וואס איז געווען מיט אייך ביי נירענבערגן.

— איהם קענט איהר אויך, דאס איז מיין געהילף ראלף, וועלכער קען זעהר גוט, ער האט ליב געפאהרען און נעהמט שטענדיג אונטערגעפעהרליכע עקספערימענטען, האפענטליך איז ער אויך ארויס בשלום פון נירענבערגס הענד און וועט דא באלד אהערקומען.

— איהר ווייסט הער דעטעקטיוו, אז איך בין געווען אין א זעהר שרעקליכער לאגע און איך זאג מיך קאטעגאריש אפ זיך נאכאמאל צו זעהען מיט איהם.

— איך פערזיכער אייך, אז באר נאך איין אין איינציג מאל וועט איהר דארפען זיך זעהען מיט איהם און דאן וועט איהר זיין פריי אין קענען א טראכט טון וועגען אייער צוקונפט.

— אבער, הער עריליי...

— איך געדענק זעהר גוט, ליב פריילין גינזבורג, אז איך האב אייך צוגעזאגט אויפצוזוכען אייער קינד און איך וועל מיין צוזאג ערפילען.

דער טעלעפאן האט געקלונגען, דער דעטעקטיוו האט צוגעלעגט דאס טרייבעל צום אויער.

— דא רעדט נירענבערג, האט ער דערהערט אין טעלעפאן, צי רעדט דארט די דעטעקטיוו־ביורא פון טשארלס עריליי.

— יא, אזוי איז עס הער נירענבערג, וואס ברענגט אייך ווידער־אמאל צו מיר ?

— א קלייניגקייט, ווידער אין דעמזעלבען ענין, איך האב אייך בעטען גאר פערגעסען צו פרעגען, וואו וואוינט דאס פריילין סאניע גינזבורג, איך דארף דאס אונבעדינגט צו וויסען.

צי מוז דאס זיין באלד, האט דער דעטעקטיוו געפרעגט, וואס זענט איהר אזוי אויפגערעגט, הער נירענבערג.

— ס'איז געשעהען עפעס אזעלכעס וואס איך מוז דורכאויס שוין וויסען, וואו סאניע וואוינט.

— לײדער ווייס איך נישט איהר אדרעס, אבער איך קען מיך בעמיהען זי אויסצוגעפינען, זייט אזוי גוט און קלינגט מארגען.

— אבער ביי גאט. ס'איז מעגליך, אז ס'איז אנ'אומגליק געשעהען, איך מוז וויסען, וואו זי געפינט זיך.

— איך בעדויער שטארק, אבער איך קען גארנישט טוען, ווייל איך קען נישט איהר אדרעס, מארגען וועל איך אייך קענען זאגען.

— אזוי, אזוי, פריינד, האט דער דעטעקטיוו געזאגט וועקלעגענדיג דאס טרייבעל פון טעלעפאן. דו ביזט מיינער און איך וועל דיך פעסט האלטען. און איצט פריילין גינזבורג, געהט אריין אין אנדערען צימער, ווייל נירענבערג קען איינפאלען יעדען אויגענבליק דא אהער צו קומען.

קאפיטעל 10
דער טי־ספארט פאהרט

די גרויסע פאסאזשיר־שיף אין האמבורג איז געשטאנען אונטער פולען דאמף, ס'זענען געמאכט געווארען די לעצטע פארבערייטונגען צום אפגעהען פון דער שיף, כסדר זענען אנגעקומען פאסאזשירען, וועלכע האבען געדארפט פאהרען אין ווייטער רייזע, יעדער האט זיך געזוכט זיין ארט, זיין קאיוטע, וואו ער וועט דארפען פערברענגען עטליכע וואכען, יעדער פאסאזשיר האט געזוכט וואס מעהר בעקוועמליכקייטען, בעקאנטשאפט, כדי אין וועג זאל איהם זיין היימליכער, אמייסטען האבען די פאסאזשירען גערעדט וועגען וועטער וואס שטעהט פאר אין פערלויף פון דער צייט.

די מאטראסען זענען געווען שטארק בעשעפטיגט און אויסגעפיהרט די בעפעהלען פון קאפיטאן.

אויפ'ן דעק פון דער שיף איז געשטאנען „כארט“ און האט אבגעוואר'ט זיין טרופע, וועלכע האט געדארפט קומען אויף דער שיף. ער האט אפגערעדט מיט אדאלפ'ן, אז די טרופע זאל קומען אויף דער שיף אין דער לעצטער מינוט, כדי ס'זאל נישט געשעהען קיין איבערראשונגען, איצט האט שוין „כארט“ פון דערווייטענס געזעהען, ווי אדאלף קומט צופאהרען צו דער שיף מיט דער גאנצער טרופע און ער האט געווארט אויפ'ן דעק, כדי ער זאל קענען גלייך אנווייזען וואו זי דארפען זיך איינקווארטירען און זיי זאלען זיך נישט דארפען איבריגע צייט ארומדרעהען צווישען די פאסאזשירען, צווישען וועלכע ס'קענען זיך געפינען אזעלכע וואס קענען זיך פערשטעהען אויף אזעלכע „טרופעס“.

דער עולם אויפ'ן דעק איז געווען בונט, פערשידענפארביג און מ'האט גערעדט אויף די פערשידענע לשונות. (המשך קומט)

קינא-טעאטער ZACHĘTA
26 זגערזשער 26

היינט און ווייטערע טעג!
גרויסער דאפעלטער פראגראם!!!

„וואהנזיניגער פירשט"

אין די הויפטראלען: דאס פרעכטיגע ליבהאבער-פארל
Joan GRAWFORD, Karol DANE (Slim)

SIMBA דער קעניג פון דער מדבר

פילם, אין וועלכען חיות זענען די אקטיארען.
פילם, וואס איבערשטייגט אלע ביז-איצטיגע בילדער.

אכטונג, זומער = סעזאן! אנהויב פון די סעאנסען: אין געוו. טעג 5.30 נאכמ. יום-טוב דעם 4-טען יוני, שבת, זונטאג 3 א זייגער בייטאג. ∴ דער זאל ווערט מעכאניש ווענטילירט

שוין ערשינען דער מאי-נומער
פון דער לאדזער צייטשריפט פאר ווירט-שאפטליכע, געזעלשאפטליכע און קול-טורעלע פראגען

„אילוסטרירטער פוילישער מאנטשעסטער"

אונטער דער רעדאקציע פון אלי בארוכין.
מיט ארטיקלען פון: פראפ. מ. באלאבאו, ד"ר פ. פרידמאן, ד"ר עלענבערג, אסקאר בערמאן, ו. שפעט, אדוו. ז. לעווארטאוויטש, סטאראסטע אלעקסי רזשעווסקי, איליא ערענבורג, טאדעאוש גורסקי, אלי בארוכין א. א.
דער נומער איז רייך אילוסטרירט. פרייז 50 גר.
צו בעקומען ביי אלע צייטונגס-פערקויפער.

זיכערע הילף און א רפואה
אהן א אפעראציע, אן בלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיסונג פאר קראנקע אויף קילעס פאר מענער ווייבער און קינדער, פערשידענע קאליקעס אין גוף פאר הויקערס און פיס



פערלאזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל-בראך ווערט גרויס אזוי ווי א מענשען-קאפ, אדער אזוי ווי א מאטער-קאן און עס פאלט אריין אין דעם פוס און דער קראנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראנדיג און שטערבליך. ספעציעל גומענע האל-באנדאזשען אויסגעצייכענט גוט דורך גרויסע פראפעסאר'ען מיט מיינע באהאנדלונג און פון דייטשן פראפעסאר דאקטאר בראכורטאוו: פעוומיגען זיכער דעם שוועכטען און מכאמאהרליבטען בראך. אויך פאר הויקערס לייטגעגען מיט האל-באנדאזשען און אפאראטען פאר פערקרומטע פוס און פלאט-פוס ספעציעלע אייזענכען און די אייך. קינסטליכע גומענע פיס און הענד, גומענע זאקען פאר די גרעסטע קראנקע אדערן.
סטאנציעבגס פון 9 ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אין אוונט.

ארטאפעדישע אנשטאלט
Specialist J. RAPAPORT Ortoped
von Lemberg Łódź, WOLCZANSKA 10,
tel. 221-77, front, parter.

בעמערקונג: דאס פערזענליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אונ-בעדינגט נויטיג. דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזי-טעטס-פראפעסארען: פראפ. ד"ר באראנטש, פראפ. דר. י. מע-רישלער, פראפ. ד"ר בר. קיעלאנאווסקי און אויך אנדערע.
מיר נעהמען אויך אן פערזיכערטע פון דער קראנקען-קאסע.

דאנקזאגונג.
דערמיט דריק איך אויס מיין הערצליכע דאנקבארקייט דעם ה' די-רעקטאר י. ראפאפארט, ארטאפעד, וואס האט מיך איינגעשטעלט אין לאדז וואלטשאנ-סקא 10, פאר אפראטעוען מיך פון מיין אמאליגן שווערע ווינקעל-בראך, דער פערלאנגטער באנדאזש פון זיין מעטאדע מיך איצט פון די שמערצן באפרייט. דער ה' דירעקטאר האט גיכט אפגעלאזט דעם תקנה. אלע האבען שוין נעצאפעלדט אין מיין לעבען און פאר די דאזיגע איבערגעגעבנהייט דאנק איך אים הארציג.

Boruch Mallerman.

קוואליפיצירטע רעפעזירקעס
צו פערטיגע סחורות קענען זיך מעלדען אין דער זאקען-פאבריק
„MIGNON" שוו. יאקובא 8. 3762

צו די ג' ה"ה גנבים!
שבת-צו-נאכטס האט מען ביי מיר ארויסגע-גנב'עט פערשידענע שטובען-זאכען. כ'בעט זעהר די ג' ה"ה גנבים זיך צו פערשטענדיגען מיט די צייטונגס-פערקויפערין רוג שרעדניא און קילינ-סקיעגא געגען בעלוינונג.
3271 דיסקרעציע געזיכערט.

ביליג קען מען בעקומען אלערארט
ברילען און גלעזער
ביים בעוואוסטען אפטיקער
מ. הערשקארן פושעכאוו 2 עק פעטרקאווער
בעמ.: מיט דעם אפטיק-געשעפט פון ציגעל-גאס האב איך קיין שום שייכות נישט. אלע ארט רעפעראציעס ווערען אויסגעפיהרט ביליג און גוט.

Dr. med. N. ROZEN
צאהן-כירורג
קראנקהייטען פון ציין, דויאגנאזע, גיטען א.א.וו. ציין-רעגולירונג, רענטגען-דיאגנאסטיק.
אנדזשעיא 7, טעל. 216-57.
עמפפאנגס-שעהן, פון 3–7 נאכמ.

וויכטיג פאר ווילע-בעזיצער און לעטניקעס
די לאנג יעהריגע פאבריס פון

שאמאט-אייוועז און קוכעז
מ. נירענבערג
פילסודסקיעגא (וווסבאדניא) 50
מאכט בעקאנט דאס זי בעזיצט א רייכען אויסוואהל פון פערשידענע קוכען און אייוועז. און נעמט אויך אן אלע ארט ארביימען אויף די ארומיגע זומער-וואוינונגען אלס צו קאנקורענץ-פרייזן.
מיט אכטונג מ. נירענבערג, ווסבאדניא 50

Gimnazjum Żeńskie JÓZEFA ABA
w Łodzi, Zielona 10, tel. 122-12

אנמעלדונגען פון נייע קאנדידאטקעס נעהמט אן דער סעקרעטאריאט פון גימנאזיום טעגליך פון 10–13 בייטאג
Dyrektor J. Ab

„SANATO"
כירורגיש-וועכנעריז-אנשטאלט
אגראדאווא 10, טעל. 213-57
1-טע און 2-טע קלאס
גינעקאלאגיש-וועכנעריז-אבטיילונג
ד"ר ש. איינער, ד"ר י. בוים, ד"ר רייט-לער-סוריאנסקא ד"ר וו. אייכנער
פרייז פון א געבורט
אין 2-טע קלאס צוזאמען מיט פערהיטונגס-מיטלען
200 זל.
אויפזיכט איבערן קינד דר. י. פאלאסאוו
כירורגישע אבטיילונג פון ד"ר מעד. ס. מאנמאר
עמפפאנגס-שעה'ן פון 1 ביז 2 נאכמיטאג.
אויגען-אבטיילונג פון ד"ר מעד. י. קראוש
עמפפאנגס-שעה'ן פון 11 ביז 12 נאכמיטאג.

א יונגערמאן
מיט 5-קלאסיגער בילדונג און מיט ערשטקלאסיגע רעקאמ-ענדאציעס זוכט בעשעפטיגונג בוי וואס עס זאל נישט זיין, שטעלונג פון מאגאזין-טער, אין קאנטאר, אלס קאסירער, אינקאסאנט, קענען א נאנץ מינימאלען לויין. עס קען זיך אויך אנרופען הויזירער, וואס וויל שותפות מאכען. אפערטען אונטער „Z. M." אין ארט.

א גרויס צימער
געאייגענט אויף א געוועלב אדער פריוואטע וואוינונג איבערצוגעבען פון זאפארט. צו ערפאה-רען ביי קאמינסקי, שוו. יאקובא 12. 3986

א לערן-מיידעל
ווערט געברויכט צו דאמען-קאנפעקציע
בזשעזשינער 11, פראנט, 2. שט., לינקס, לעצטע טיר, וו. 6.

האלא, לעטניקעס!
לאזט נישט אייער פערמעגען אויף הפקר!
ווילט איהר האבען א רוהיגע זומער-וואוינונג, מוזט איהר זאפארט, איידער אייער פאמיליע פאהרט ארויס אויף דער נאטור, פאר מינימאלע קאסטען פערזיכערען אייער היים געגען גנבה און שרפה.
אינפארמאציעס ווערען ערטיילט אומזיסט
אין ביורא בזוין, לאדז, אגראדאווא 3 טעלעפאן 191-48 און ביי שלעזינגער, לאדז שרודמיעסקא 47 (פריהער נאווא-צעגעל-ניאנא 17, טעלעפאן 211-22. 2788

Dr. H. LUBICZ MED.
ספ. פאר הויט, וועגערישע און געשלעכטס-קראנק.
צעגעלניאנא 7 (פריהער 43), טעל. 141-32
עמפפאנגס-שעה'ן 8–10, 12–2, און 5–8, זונטאג און יו"ט 9–1, פאר דאמען בעזונדערער ווארטע-זאל.

Dr. med. M. Rosenthal
ספעציאליסט פאר אקושעריע און פרויען-קראנקה.
11-go Listopada 19 (קאנסטאנטינער)
telefon 223-34 טעלעפ.
נעהמט אן אין דער היים פון 4 ביז 7 אבענד און לאגעוו-ניצע „סאמאך" ליסאנאווסקיעגא 1 (עלעקטרישער-גאס) פון 1–2 נאכמיטאג.

אדראטשעניעס
פון מילימעטר-דינסט אלס איינציגער שפייזער א.א. ערלעדיגט אמבעס-טען ביורא „יוסטיק" פאלודניאווא 8, 1. שט., מראנט פון 4–6 נאכמ.

DR. MED. Haltrecht
ספעצ.-ארצט פאר הויט און געשלעכטס-קראנקה.,
נעהמט אן פון 8–10 פריה און פון 6 ביז 8.30, און זונטאג פון 9 ביז 12 בייטאג.
פיעטריקאווער 10
נעהמט אן אין לעטשניצע Śródmiejska 8 פון 12³⁰ ביז 1³⁰ נאכמ.

יעדער איינציגער
האט זיך אי-בערצייגט, אז פאר מעבעל
דיוואנעס, פעלצען, נייה-מאשינען, גארדעראבען א"וו צאהלט די העכסטע פרייזען
א. ווייצמאן שענקעוויטש 23
טעלעפאן 191-00.
ביי מיר איז שטענדיג פערשידען געניצט מעבעל אין גוטען צושטאנד צו פערקויפען.

לעטשניצע
פון דאקטוירים ספעציאליסטען
רענטגען-אינסטיטוט און ערצליך-דענטיסטישער קאבינעט
זגערזשער 17, טעל. 116-33
ד"ר גאלדשטיין-פאלאק אויגען-קראנקה. פון 1–2
ד"ר וויינבערג אינערן, הערץ און לונגען פון 1–2 און פון 6–7
ד"ר יוסטמאן נערווען-קראנקה. פון 12–2
ד"ר סטופעל רענטגען פון 12–2 און 4–6
ד"ר פאפיערני פרויען- און געבורטס-הילף פון 1–11½
ד"ר מאנטאר כירורגישע קראנקה. פון 5–6
ד"ר ראקאווסקי נאז, האלז און אויערן-קר פון 10–11, 2–3 און פון 6–7
ד"ר ראזענצווייג קינדער-קראנקהייטען פון 11–12 און פון 4–5
ד"ר רזשעשאנער הויט- און געשלעכטס-קר. פון 1–2
נ. ראזעס צאהן-ארצט פון 9–1
א. גראדזענטשיק צאהן-ארצט פון 3–7

צאהן-פלאמבירונג, בעלייכטונגען, קראנקען, מאסאזשען א.א.וו. ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען א רענטגען-אינסטיטוט. — היילונג פון הויט-קראנקהייטן פון קאפ (פארך) מיט רענטגען-שטראלען, פאר בעשטראלונג און דורכלייכטונג, קווארץ-לאמפען, דיאטערמיע, עלעקטריזאציע
אלע מעגליכע אנאליזען.
אימפונגען נעגען שארלאך (שקארלאטין).
די לעטשניצע איז אויך אפען זונטאג.
ווזיטען איז שטאט.

Dr. E. GUTMAN
ספעצ. קינדער-קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
נארוטאוויטשא 9 טעל. 173-00
נעהמט אן פון 1–3
אין ווישניאווא-גורא (ווילע Cyka)
טעגליך פון 4 ביז 7 נאכמיטאג

בוליג א מיידל
צו אנ'אבערלאק ווי אויך צו א נייה-מאשין.
LANDAU
פולנאצנא 12. 1986

Dr. med. W. Eychner
גינעקאלאג-אקושער
זגערזשער 11
טעלעפאן 72–134
נעהמט אן פון 2–3 נאכמ. און פון 7½–9 אוונד.

Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע
אנדזשעיא 5, טעל. 159-40
נעהמט אן פון 8–11 און פון 6–9 אוו.
זונטאג און יום-טוב פון 9–1 פארמ.
בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען.

Dr. med. J. Lubicz
כירורג - ארטאפעד
האט זיך איבערגעצויגען פון גדאנסקא 28 אויף פאלודניאווא 9, טעל. 183-17
קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער
איינענע פראצאוניע פון זעמטליכע ארטאפעדישע אפאראטען, ווי: וועלטערסעס אויף פלאטפוס, קינסטליכע הענד און פיס, גארסעטען א. ז. וו.
נעהמט אן פון 2,30 ביז 4,30 נאכמיטאג.

DOKTOR H. WOŁKOWYSKI
4 צעגעלניאנא 4
פריהער צעגעלניאנא 36) טעל. 216-90.
ספעציאל-ארצט פאר הויט- און וועגערישע קראנקהייטען, מענער - שוואכע, אלע ארט אנאליזען, עלעקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז — 5 זל. א חודש מיט אהטראגען א היים אויך דער פראווינץ 5-6 ... א חודש אין אויסלאנד — 8 זל.
פערן איינהאלט און פארמען פון די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך די אדמיניסטראציע און אפען בייטאג און ביינאכט.

אנאנסען-פרייז: פערן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער היים 8 ספאלטען
אין טעקסט—40 ... —60 ... 4
נעבען טעקסט—12 ... —18 ... 8
... דער שמאל 50 פראצ. טייערער. אויסל. 100 פראצ. טייערער. טעלעגראמען—10 גר. א ווארט

Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 86.